פ. היילפּערין און מ. ווײַנרײַך

פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך

צווייטער טייל

ווילנע – 1929 – וואַרשע

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ISBN: ISBN:0-657-14659-5
Barcode/EAN: 9780657146597 V.2
Old Call #: 70086

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14659

PRAKTISHE GRAMATIK FUN DER YIDISHER SHPRAKH V. 2

F. Halperin

Permanent preservation of this book was made possible
by Shoshke-Rayzl Juni
In honor of Rachel (Rekhl) Juni

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/praktishegra02halp

פ. הײלפּערין און מ. װײַנרײַך

פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער ײדישער שפּראַך

צװײטער טײל

װילנע—1929—װאַרשע

װילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

F. Halperin i dr. M. Weinreich
Gramatyka praktyczna języka
żydowskiego. Część druga
F. Hajlperin and dr. M. Weinreich
A Practical Grammar
of Yiddish, Second Part
Printed in Poland
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

I. צײַטוואָרט

1

ווען וועט זײַן מאָרגן?

מאַמאַ האָט געזאָגט, אַז מאָרגן
וועט זי אויספּוצן מיך פֿײַן.
פֿרעג איך: פּאַפּאַ, ווען איז מאָרגן
און אויך ווען וועט נעכטן זײַן?

„נעכטן איז געווען נעכטן",
זאָגט דער פּאַפּאַ, און ער לאַכט:
„מאָרגן קומט, ווען דו, מײַן קינד, וועסט
איבערשלאָפֿן גוט די נאַכט".

בין איך גוט בײַנאַכט געשלאָפֿן,
און די זון אין פֿענצטער שײַנט.
גיי איך צו דעם פּאַפּאַ פֿרעגן:
„פּאַפּאַ! ס'איז שוין מאָרגן הײַנט?

צי קען מען פֿרעגן: ווען וועט זײַן נעכטן?
פֿאַרוואָס קאָן מען ניט פֿרעגן: צי איז הײַנט מאָרגן?
וואָס איז פֿריער: מאָרגן, צי הײַנט? הײַנט, צי נעכטן? וואָס
פֿאַר אַ צײַט איז פֿריער: נעכטן, הײַנט, צי מאָרגן? וואָס גייט
אַוועק, ווען עס קומט אָן דער הײַנט? וואָס גייט אַוועק, ווען עס
קומט אָן מאָרגן?

ווען איך זאָג: נעכטן האָב איך געשריבן, רייד איך וועגן אַ צײַט, וואָס איז שוין געווען.

ווען איך זאָג: הײַנט שרײַב איך, רייד איך וועגן אַ צײַט, וואָס איז איצטער.

ווען איך זאָג: מאָרגן וועל איך שרײַבן, רייד איך וועגן אַ צײַט, וואָס וועט זײַן שפּעטער.

2

די דרײַ צײַטן.

מאָטל האָט געלערנט פאַראַיאָרן אין ערשטן קלאַס.
מאָטל לערנט הײַ־יאָר אין צווייטן קלאַס.
מאָטל וועט לערנען איבעראַיאָר אין דריטן קלאַס.

וואָסער צײַט איז געווען פריער: פאַראַיאָרן, צי הײַ־יאָר? וואָסער צײַט איז פריער: הײַ־יאָר, צי איבעראַיאָר? וואָסער צײַט איז שפּעטער: הײַ־יאָר, צי איבעראַיאָר?

קוק זיך אײַן: ווי אַזוי איז געזאָגט וועגן פאַראַיאָרן: מאָטל האָט געלערנט.

ווי אַזוי איז געזאָגט וועגן הײַ־יאָר: מאָטל לערנט.

ווי אַזוי איז געזאָגט וועגן איבעראַיאָר: מאָטל וועט לערנען.

אין וואָסער צײַט האָט מאָטל געלערנט אין ערשטן קלאַס, — אין דער צייט, וואָס איז שוין געווען, אין דער צײַט, וואָס איז איצט, אָדער אין דער צײַט, וואָס וועט זײַן שפּעטער?

אין וואָסער צײַט לערנט מאָטל אין צווייטן קלאַס?

אין וואָסער צייט וועט מאָטל לערנען אין דריטן קלאַס?

די צײַט, וואָס איז שוין געווען, רופט זיך פאַר־גאַנגענע צײַט אָדער פאַרגאַנגענהייט.
די צײַט, וואָס איז איצט, רופט זיך איצטיקע צײַט אָדער איצטיקייט.
די צײַט, וואָס וועט זײַן שפּעטער, רופט זיך קומע־דיקע צײַט אָדער קומעדיקייט.

3

אַרבעט. 1. שרײַב אויס פריער די זאַצן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער איצטיקער צײַט, נאָכדעם — וועגן דער פאַרגאַנגענער צײַט און צום סוף — וועגן דער קומעדיקער צײַט:

געבראָטענע טויבן פליען ניט אין מויל אַרײַן. אַז מען האָט נעכטן געגעסן, איז מען הײַנט ניט זאַט. דער דלות פאַרשווינדט, ווען עס אַרבעטן די הענט. וואָס דו וועסט זייען, דאָס וועסטו שנײַדן. אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

— אונדזער יאַנקעלע דערזעט
אין ווינקעלע אַ בעזעם שטייט!
מיטן בעזעם וועט ער יאָגן
און אַ בייזן בער דערשלאָגן.

2. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צוויי זאַצן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער איצטיקייט, צוויי זאַצן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער פאַר־גאַנגענהייט, און צוויי זאַצן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער קומעדיקייט.

3· טראַכט אַליין צו צו פינף זאַצן אויף דער איצטי-
קער, פאַרגאַנגענער און קומעדיקער צײַט.

4

צײַטווערטער.

האָסט געפײַפט
פײַפסט
וועסט פײַפן

קוק זיך אײַן:
צי איז פאַראַן עפּעס ענלעכס אין אַרויסריידן די דרײַ
שורות ווערטער? צי איז פאַראַן עפּעס גלײַכס אין טײַטש אויך?
וועלכער טייל חזרט זיך איבער אין אַלע דרײַ שורות?
מיט וואָס שיידן זיך אונטער די דרײַ שורות אין אַרויסריידן?
מיט וואָס שיידן זיך אונטער די דרײַ שורות אין טײַטש?
נעם איצטער אַנדערע דרײַ שורות:

מאָטל האָט געלערנט
בערל לערנט
יאַנקל וועט לערנען

געפין אין די דאָזיקע דרײַ שורות דעם אַלגעמיינעם
וואָרט-טייל (דעם טייל וואָס זיי האָבן אַלע דרײַ).
געפין אין די דרײַ שורות:

האָט געלערנט
לערנט
וועט לערנען

די וואָרט-טיילן, וואָס זײַנען אין יעדער שורה אַנדערש
אין אַרויסריידן און אין טײַטש.

וועגן די ווערטער, וואָס האָבן איין אַלגעמיינעם טייל און צו דעם קענען צוקומען אַ נ ד ע ר ע פאַרשיידענע טיילן, זאָגט מען, אַז זיי ע נ ד ע ר ן זיך (מען זאָגט אויך: זיי ב ײַ ט ן זיך).

די ווערטער, וואָס בײַטן זיך, כדי אויסצודריקן די פאַרשיידנקייט פון דער צײַט, רופט מען צ ײַ ט וו ע ר ט ע ר.

מאָטל האָט געלערנט. מאָטל לערנט. מאָטל וועט לערנען.
מאָטל האָט געשטיפט. מאָטל שטיפט. מאָטל וועט שטיפן.
מאָטל האָט געלאַכט. מאָטל לאַכט. מאָטל וועט לאַכן.

ארבעט. 4. לויט די בײַשפּילן שטעל צונויף זאַצן אין דער פאַרגאַנגענהייט, איצטיקייט און קומעדיקייט. נעם דערבײַ אַזוינע ווערטער:

יאָסל, קויפן. בערל, טאַנצן. חנה, פּרעסן. הינדע, לייענען. ריווע, שפּילן. דוויד, הוליען. מאַמע, לאַטען.

5

ערשטע, צווייטע, דריטע פּערזאָן.

חיים: בערל, דו ל ע ר נ ס ט?
בערל: יאָ, איך ל ע ר ן גראַמאַטיק.
חיים: און לייבל?
בערל: לייבל ל ע ר נ ט געאָגראַפיע.

קוק זיך איין אין די דרײַ ווערטער, וואָס זײַנען געדרוקט שיטערער.

ווי אַזוי זאָגט בעריל, ווען ער רעדט וועגן זיך? איך לערן.
ווי אַזוי זאָגט חיים, ווען ער ווענדט זיך צו בערלען? דו לערנסט.
ווי אַזוי זאָגט בערל, ווען ער רעדט וועגן לייבלען? ער לערנט.
ווי אַזוי זאָגט מען, ווען מען רעדט וועגן זיך? איך.
ווי אַזוי זאָגט מען, ווען מען ווענדט זיך צו עמעצן? דו.
ווי אַזוי זאָגט מען, ווען מען רעדט וועגן עמעצן אָדער עפּעס? ער, זי, עס.

> דער וואָס רעדט רופט זיך די ערשטע פּערזאָן;
> דער צו וועמען מען רעדט רופט זיך צווייטע פּערזאָן;
> דער וועגן וועמען מען רעדט רופט זיך דריטע פּערזאָן.
> די ווערטער: איך, דו, ער, זי, עס באַווייזן די פּערזאָן; **איך** באַווייזט די ערשטע פּערזאָן, **דו** באַווייזט די צווייטע פּערזאָן, **ער, זי, עס** באַווייזן די דריטע פּערזאָן.

6

פאַרגלייך די ווערטער:

איך לערן
דו לערנ -סט
ער לערנ -ט

וואָס פאַר אַ טייל וואָרט חזרט זיך דאָ איבער?
וואָס קומט צו אין דער צווייטער פּערזאָן?
וואָס קומט צו אין דער דריטער פּערזאָן?
וואָס קומט צו אין דער ערשטער פּערזאָן?

דער טייל וואָרט, וואָס חזרט זיך איבער אין אַלע פאָרמען, רופט זיך דער **שטאָם** פון דעם וואָרט.

דער טייל, וואָס קומט צו אין וואָרט נאָכן שטאַם, רופט זיך **ענדונג**.

די ערשטע פערזאָן האָט ניט קיין ענדונג. זי איז געגליכן צום **שטאָם** פון דעם צײַטוואָרט.

די ענדונג פון דער צווייטער פערזאָן איז ‎-סט, די ענדונג פון דער דריטער פערזאָן איז ‎-ט.

7

אַ ל י ד.

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָרן איבער ימען.

לאָז איך מיך אין וועג אַרײַן,
אין אַ וועג אַ ווײַטן,
שפרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
אַ לאַנגן און אַ ברייטן.

אַרבעט.

5. שטרײַך אונטער די צײַטווערטער אין דער ערשטער פערזאָן.
6. מאַך איבער דאָס ליד אַזוי, אַז אַלץ זאָל זיין געזאָגט אין דער צווייטער פערזאָן.
7. מאַך איבער דאָס ליד אַזוי, אַז עס זאָל אַלץ אויס־קומען אין דער דריטער פערזאָן.

8

פערזאָנען.

און דו אַקערסט, און דו וייסט,
און דו פּיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט, —
ווו זשע, פאָלק, איז דײַן פאַרדינסט?

אַרבעט 8. שטרײַך אונטער די צײַטווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן.
9. מאַך איבער דאָס ליד אַזוי, אַז אַלע צײַטווערטער זאָלן זײַן אין דער דריטער פּערזאָן.
10. מאַך איבער דאָס ליד אַזוי, אַז אַלע צײַטווערטער זאָלן זײַן אין דער ערשטער פּערזאָן.

9

אַרבעט. 11. גיב צו די צײַטווערטער לויט די פּערזאָנען:

איך קום	איך שטעל	איך וואַרף	איך כאַפּ
דו	דו	דו	דו
ער	ער	ער	ער

איך פּיר	איך פּועל	איך לאַטע
דו	דו	דו
ער	ער	ער

12. שרײַב אויס פון דעם בריוו אַלע צײַטווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן:

ליבער ברודער!

דו זאָגסט אַלעמאָל, אַז איך בין אַ פּוילער. עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז פּונקט פאַרקערט: דו שרײַבסט מיר-

גאָרניט, און איך שרײַב דיר שוין דעם צווייטן בריוו. אָבער איך ווייס, אַז דו טראַכטסט יאָ וועגן מיר; מסתּמא האָסטו קיין צײַט ניט צו ענטפערן. דו זאָלסט וויסן, ווי גוט מיר איז דאָ אין דער קאָלאָניע! אַלע אינדערפרי גייען מיר זיך באָדן אין טײַך. און דו באָדסט זיך עפּעס?

ענטפער מיר באַלד.

דײַן ביילע.

דערמאָן זיך, פאַרוואָס זײַנען די ווערטער

זאָגסט

שרײַבסט

באָדסט

אויסגעלייגט מיט גימל, בייז, דאַלעד, כאָטש הערן הערן זיך נאָר די קלאַנגען ק, פּ, צ.

10

ד ס.

זאָג מיר, שמידער, וואָס דו שמידסט. איך הער ניט, וואָס דו רעדסט.

ווי אַזוי הערן זיך אין רײדן די צײַטווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן שמידסט און רעדסט? און ווי אַזוי זײַנען זיי אויסגעלייגט? פאַרוואָס?

אַרבעט. 13. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן:

איך לײַד — דו לײַדסט	איך מײַד אויס — דו מײַדסט אויס
איך שנײַד — דו	איך שייד אָפּ — דו
איך זיד — דו	איך קלייד אָן — דו

די צײַטווערטער, וואָס מען לייגט אויס אין דער ערשטער פּערזאָן מיט אַ ד אַ ל ע ד צום סוף, לייגט מען אויס אין דער צווייטער פּערזאָן דאַלעד סאַמעך טעס, כאָטש הערן הערט זיך צט.

11

ט ס.

איך ר ײַ ט אויף אַ פערד. דו ג ר י י ט ס ט די לעקציעס.

ווי אַזוי ווערט זײַן די צווייטע פּערזאָן פון ר ײַ ט ? די ערשטע פון ג ר י י ט ס ט?

ווי אַזוי הערן זיך אין ריידן די צײַטווערטער ר ײַ ט ס ט און ג ר י י ט ס ט? און ווי אַזוי זײַנען זיי אויסגעלייגט?

די צײַטווערטער, וואָס לייגן זיך אויס אין דער ערשטער פּערזאָן מיט אַ ט ע ס צום סוף, לייגט מען אויס אין דער צווייטער פּערזאָן טעס סאַמעך טעס, כאָטש הערן הערט זיך צט.

ארבעט. 14. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע ווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן:

איך שיט — דו שיטסט	איך בעט — דו בעטסט
איך בראָט — דו	איך קנעט — דו
איך שפּרייט — דו	איך היט — דו

12

ש ס ט.

איך וואַש וועש. דו וואַשסט וועש.

איך ווינטש דיר גוטס. דו ווינטשסט מיר גוטס.

ווי אַזוי הערן זיך די ווערטער אין די געבראַכטע בײַשפּילן אין דער צווייטער פּערזאָן? און ווי אַזוי זײַנען זיי אויסגעלייגט?

> די צײַטווערטער, וואָס מען לייגט אויס אין דער ערשטער פּערזאָן מיט אַ ש י ן צום סוף, לייגט מען אויס אין דער צווייטער פּערזאָן **שין סאַמעך טעס**, כאָטש הערן הערט זיך שט.

אַרבעט. 15. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע ווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן:

איך נאַש — דו נאַשסט	איך פּאַטש — דו פּאַטשסט
איך הערש — דו	איך בענטש — דו
איך וויש — דו	איך ווינטש — דו
איך לעש — דו	איך גליטש זיך — דו

13

סט, זט, צט.

איך פּרעס אַ העמד.	דו פּ ר ע ס ט אַ העמד.
איך ווײַז אַ קונץ.	דו ווײַ ז ט אַ קונץ.
איך הייץ דעם אויוון.	דו ה ײ צ ט דעם אויוון.

ווי אַזוי רעדט מען אַרויס די געבראַכטע צײַטווערטער אין דער צווייטער פּערזאָן? און ווי אַזוי זײַנען זיי אויסגעלייגט?

> צו די צײַטווערטער, וואָס מען לייגט אויס אין דער ערשטער פּערזאָן מיט אַ סאַמעך, אַ זײַען אָדער אַ צאַדיק צום סוף, גיט מען צו אין דער צווייטער פּערזאָן ניט סאַמעך טעס, נאָר פּשוט טעס.

14

ארבעט. 16. שרײַב אױס די װײַטערדיקע צײַטװערטער אין דער צװײטער פּערזאָן:

איך בײַם — דו בײַסט	איך װײַז — דו װײַזט	איך זיץ — דו זיצט
איך רײַם — דו	איך לאָז — דו	איך ניץ — דו
איך װײַם — דו	איך מוז — דו	איך קריץ — דו
איך גרים — דו	איך ברױז — דו	איך שנײַץ — דו
איך נים — דו	איך באַגלאָז — דו	איך קרעכץ — דו
איך עס — דו	איך רײַז — דו	איך גלאַנץ — דו

ארבעט. 17. שרײַב אױס די װײַטערדיקע צײַטװערטער אין דער צװײטער פּערזאָן:

איך פאַרבעט — דו	איך קוש — דו	איך פאַרגרײַז — דו
איך באַשײד — דו	איך גלעט — דו	איך לאָד — דו
איך באַשיץ — דו	איך לײט — דו	איך באַשיט — דו
איך שטױס — דו	איך בינד — דו	איך נײט — דו
איך נאַש — דו	איך פלײץ — דו	איך קריץ — דו

15

װוּ שטײסטו?
אױף דער גאַס.
װאָס טרינקסטו?
עפּלקװאַס.

װאָס עסטו?
בײגעלעך.
װאָס כאַפּסטו?
פײגעלעך.

װאָס פאַר אַ פּערזאָן איז שטײסטו, טרינקסטו, עסטו, כאַפּסטו?

װען דאָס װאָרט ד ו קומט נאָכן צײַטװאָרט, גיסט עס זיך צונױף מיט דעם צײַטװאָרט. מען הערט ניט יעמאָלט דעם קלאַנג ד און מען דאַרף אױך ניט שרײַבן קײן דאַלעד.

אַרבעט. 18. שטעל אױס אין די װײַטערדיקע װערטער דאָס
װאָרט ד ו נאָך דעם צײַטװאָרט, לױטן בײַשפּיל:

דו שרײַבסט	— שרײַבסטו.	דו עסט	— עסטו.
דו לײענסט	—	דו טרינקסט	—
דו מאָלסט	—	דו שלאָפסט	—
דו כאַפּסט	—	דו װוּכסט	—
דו זעגסט	—	דו פאָרסט	—
דו װאַרטסט	—	דו לעשסט	—
דו נעמסט	—	דו צינדסט	—
דו הרגעסט	—	דו האָרעװעסט	—

16

זײדעשי פראָסט.

אין אַ װאַטע־שפּענצערל, אין אַ װאַרעם קאַפּטער
גײט אַרום אַ טענצערל, מיט די פּיסלעך קלאַפּט ער.

קלאַפּט ער מיט די פּיסלעך אױס ניגעלעך פון
פרײדן; פירט ער װינטער, פירט ער קעלט, פירט ער אום
זײַן װײדן. און דער װײַסער זײדע פראָסט בלאָזט אין זײַן
טרומײטער, הינקענדיק אױף בײדע פיס היפּעט ער און
גײט ער.

גײט ער איבער װאַלד און פעלד, איבער גראָז און
גרעזער; שפּרײַזט דאָס אײניקל מיט אים, רײטלט אַלע נעזער.

ווידע גייט מיושבֿדיק, בלאָוט אין זײַן טרומייטער,
און אַ פרײלעכקייט און קעלט זייט ער און פאַרשפּרייט ער.
נאָר בײַנאַכט, ווען סידרעמלט שוין ווידעשי אַ מידער,
אויסגעצויגן אין דער לענג, אין דער ברייט די גלידער,
און לבֿנה, שטערנדלעך הייבן אָן צו קומען, — גנבעט זיך
דאָס טענצערל: מאָלן וויל ער בלומען.
גנבעט ער זיך שטיל אַרויס, שטיל זיך אויפגעהויבן,
לויפט ער צו די פענצטערלעך צו באַמאָלן שויבן.

אַרבעט. 19. שרײַבט אויס פון „ווידעשי פראָסט" אַלע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן.

17

דריטע פּערזאָן.

אַרבעט. 20. שרײַבט אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך נעם — ער נעמט	איך זעץ — ער זעצט
איך זע — ער	איך מאַך — ער
איך לייען — ער	איך שפּאַציר — ער
איך זוך — ער	איך שלאָף — ער
איך הער — ער	איך שרײַ — ער

21. שרײַבט אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך רײַם — ער רײַמט	איך ווײַז — ער ווײַזט
איך גרים — ער	איך לאָז — ער
איך בײַם — ער	איך בלאָז — ער
איך נים — ער	איך שפּײַז — ער
איך עם — ער	איך שפּרײַז — ער

דערמאָן זיך, פאַרוואָס מען שרײַבט אין דעם לינקן סלופּיק אַ ז ײַ ע ן, כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג ס.

22. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך שרעק — ער שרעקט.	איך ברענג — ער ברענגט.
איך קרענק — ער	איך טראָג — ער
איך ווינק — ער	איך ליג — ער
איך מעק — ער	איך פרעג — ער

דערמאָן זיך, פאַרוואָס מען שרײַבט אין דעם לינקן סלופּיק אַ ג י מ ל, כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג ק.

23. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך זופּ — ער זופּט.	איך גלייב — ער גלייבט.
איך קלאַפּ — ער	איך וועב — ער
איך זיפּ — ער	איך טרײַב — ער
איך שלעפּ — ער	איך גיב — ער

דערמאָן זיך, פאַרוואָס מען שרײַבט אין דעם לינקן סלופּיק אַ ב י ז, כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג פּ.

24. שרײַב אויס די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך לײַד — ער לײַדט.	איך ווענד — ער ווענדט
איך קלייד — ער	איך שנײַד — ער
איך באָד — ער	איך בינד — ער
איך זיד — ער	איך פאַרוווּנד — ער

דערמאָן זיך, פאַרוואָס מען שרײַבט אין דער דריטער פּער־זאָן ד אַ ל ע ד ט ע ם, כאָטש הערן הערט זיך נאָר דער קלאַנג ט.

אין כּלל פורעמט מען די **דריטע פּערזאָן** פון אַ צײַט־וואָרט דורך דעם, וואָס מען גיט צו צו דער ערשטער פּערזאָן דעם קלאַנג ט. דאָס זעלבע אין שרײַבן: צו דער ערשטער פּערזאָן שרײַבט מען צו אַ טעס.

18

דריטע פּערזאָן אָן ט.

איך היט — ער היט

איך בעט — ער בעט

אויב די ערשטע פּערזאָן ווערט אויסגעלייגט מיט אַ **טעס** צום סוף, גיט מען שוין אין דער דריטער פּערזאָן קיין צווייטן טעס ניט צו; יעמאָלט ווערט די דריטע פּערזאָן אויסגעלייגט אַזוי ווי די ערשטע.

ארבעט. 25. שרײַב אוים די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין דער דריטער פּערזאָן:

איך בעט — ער בעט	איך נייט — ער נייט
איך קנעט — ער	איך מישפּט — ער
איך גרייט — ער	איך טרעט — ער
איך לייט — ער	איך מעסט — ער
איך בראָט — ער	איך טרייסט — ער

איך טויג צו אַלע אַרבעטן.

ער טויג ניט אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדן.

אין וואָסער פּערזאָן איז גענומען דאָס צײַטוואָרט טויג אין דער ערשטער שורה?

אין וואָסער פּערזאָן איז גענומען דאָס צײַטוואָרט אין דער צווייטער שורה?

פאַראַן אַ קליינע צאָל צײַטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן ניט אויפן קלאַנג ט, און פונדעסטוועגן רעדט מען און מען לייגט זיי אויס אין דער דריטער פּערזאָן פּונקט אַזוי ווי אין דער ערשטער.

ארבעט. 26. איך זאָל — ער זאָל איך טאָר — ער
איך דאַרף — ער- איך וויל — ער
איך מעג — ער איך קען — ער
איך געהער — ער געהער איך טויג — ער
איך מוז — ער

ארבעט. 27. שטעל צונויף צו צוויי.זאַצן, ווו די צײַטווערטער פון דער אַרבעט 26 זאָלן זיך באַגעגענען אין דער דריטער פּערזאָן.

געדענק:

מען מעג זאָגן און שרײַבן אי ער ווייס, אי ער ווייסט.

געדענק:

מען זאָגט: ער וויל, אָבער: עס ווילט זיך.

● געדענק:

מען דאַרף זאָגן און שרײַבן: ער באַדאַרף.

19

צ אָ ד ן.

אײַ לי ליו ליו, אײַ ליו ליו, | אײַ לי ליו ליו, אײַ ליו ליו,
מאַך, מײַן קינד, די איינלעך צו. | מאַך, מײַן קינד, די איינלעך צו.

דרײַ מאָל קרייט דער רויטער האָן,
קומען דרײַ מלאָכים אָן.

שײַנע קרוינען טראָגן זיי,
צו דײַן ווינגל קומען זיי.

ווײַסע פלינגלען האָבן זיי,
מיט די פלינגלען פאָכען זיי.

פאָכען לײַכט און פאָכען לינד
אַרום ווינגל פון מײַן קינד.

דרײַ מאָל קרייט דער רויטער האָן,
און עס קומט אַ מַלאך אָן.

אַ שיינע קרוין טראָגט ער,
צו דײַן ווינגל קומט ער.

ווײַסע פלינגלען האָט ער,
מיט די פלינגלען פאָכעט ער.

פאָכעט לײַכט און פאָכעט לינד
אַרום ווינגל פון מײַן קינד.

פאַרגלײַך די שורה רעכטס „קומען דרײַ מלאָכים אָן", מיט דער שורה לינקס „קומט אַ מַלאך אָן".

וועגן וויפיל מלאָכים רעדט זיך אין דער שורה רעכטס? וועגן וויפיל אין דער שורה לינקס? ווי אַזוי שטייט נעשריבן וועגן דעם איין מַלאך? און ווי אַזוי שטייט געשריבן וועגן די דרײַ?

גיב אַ קוק אין די ווײַטערדיקע שורות און פאַרנלײַך, ווי אַזוי עס שטייט נעשריבן וועגן איין מַלאך און וועגן דרײַ.

צײַטווערטער קענען זיך בײַטן לויט דער צאָל אויך. די פאָרמען, וואָס מען ניצט, ווען מען רעדט וועגן איינעם, רופט מען איינצאָל; די פאָרמען, וואָס מען ניצט, ווען מען רעדט וועגן מער ווי איינעם, רופט מען מערצאָל.

20

ערשטע פערזאָן מערצאָל.

ברעטלעך קויפן מיר פאַר געלט,
שלאָגן מיר זיי צוזאַמען,

בויען מיר זיך אַ שיפעלע
צו פאָרן איבער יַמען.

לאָזן מיר זיך אין וועג אַרײַן,
אין אַ וועג אַ ווײַטן,
שפּרייטן מיר אַ זעגל אויס
אַ לאַנגן און אַ ברייטן.

באַמערק אין דעם איבערגעלייענטן ליד:
מיר קויפן. מיר שלאָגן. מיר בויען. מיר לאָזן זיך. מיר שפּרייטן אויס.

ווי אַזוי וואָלטסטו איבערגעמאַכט „קויפן", ווען ס'וואָלט נעשטאַנען ניט „מיר", נאָר איך?

אַרבעט. 28. מטעל איבער די אויסגעשריבענע צײַטווערטער אין איינצאָל לויטן בײַשפּיל:

מיר קויפן — איך קויף.

21

מאָטל דעם חזנס דערציילט ווי אַזוי מען כאַפּט פיש.

איר טוט אויס דאָס העמד און איר פאַרקניפּט דעם אַרבל און איר גייט פּאַוואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער. איר דאַרפט גיין לאַנג-לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס'איז פול. גייט איר אַרויס וואָס גיכער און איר טרייסלט אויס די גראָז מיט דער בלאָטע. איר קענט אַמאָל אין דער בלאָטע געפינען

אַ פּיאָווקע. פּיאַווקעס איז געלט. פֿאַר אַ צענדליק פּיאַווקעס קענט איר באַקומען דרײַ גראָשן. קײַן פֿיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל זײַנען געווען פֿיש אויך, הײַנט איז נישטאָ.

באַמערק אין דער איבערגעלייענטער דערציילונג:
איר טוט אויס. איר פּאַרקניפּט. איר גייט. איר דאַרפֿט. איר פֿילט. איר טרייסלט. איר קענט. איר זאָלט.

ווי אַזוי וואָלטסטו איבערגעמאַכט „טוט אויס", ווען ס'וואָלט געשטאַנען ניט „איר", נאָר דו?

ארבעט. 29. שטעל איבער די אויסגעשריבענע צײַטווערטער אין איינצאָל לויטן בײַשפּיל:

איר טוט אויס — דו טוסט אויס.

22

בײַ דער אַרבעט.

די קינדערלעך זיצן,
די אייגעלעך בליצן;
זיי קלעפּן און שניצן,
זיי שטריקן און העפּטן,
זיי מאָלן און פֿלעכטן.

באַמערק אין דער איבערגעלייענטער דערציילונג:
זיי קלעפּן. זיי שניצן. זיי שטריקן. זיי העפּטן. זיי מאָלן. זיי פֿלעכטן.

ווי אַזוי וואָלטסטו איבערגעמאַכט „קלעפּן", ווען ס'וואָלט געשטאַנען ניט „זיי", נאָר ער?

באַמערק:

די קינדערלעך זיצן. די איינגעלעך בליצן.

ווי אַזוי וואָלטסטו איבערגעמאַכט „זיצן", ווען ס'וואָלט געשטאַנען „ניט די קינדערלעך", נאָר דאָס קינד?

אַרבעט. 30. שטעל איבער די אויסגעשריבענע צײַטווערטער אין איינצאָל לויטן בײַשפּיל:

זיי קלעפּן — ער קלעפּט.

די קינדערלעך זיצן — דאָס קינד זיצט.

די ווערטער: מיר, איר, זיי באַווײַזן די פּערזאָן אין מערצאָל; מיר באַווײַזט די ערשטע פּערזאָן, איר באַווײַזט די צווייטע פּערזאָן, זיי באַווײַזט די דריטע פּערזאָן.
די ענדונג פון דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל איז -ן, פון דער צווייטער פּערזאָן מערצאָל -ט, פון דער דריטער פּערזאָן מערצאָל -ן.

---

23 ●

ערשטע פּערזאָן מערצאָל.

בײַ אײַך רעדט מען:

מיראָמער הײַנט שבת. מעגייעמער שפּאַצירן. מעשיקנמער אַ בריוו.

אָדער:

אונדז אָמער הײַנט שבת. אונדז נייעמער שפּאַצירן. אונדז שיקנמער אַ בריוו.

שרײַבן אַזוי איז אָבער ניט אָנגענומען. שרײַבן שרײַבט מען:

מיר האָבן הײַנט שבת. מיר גייען שפּאַצירן. מיר שרײַבן אַ בריוו.

24 ●

צוויטע פערזאָן מערצאָל.

בײַ אײַך רעדט מען:

פאַרוואָס קומט עץ ניט צו מיר זאַלבענאַנד? עץביידע האָט גענומען בײַ מיר ביכער.

שרײַבן אַזוי איז אָבער ניט אָנגענומען. שרײַבן שרײַבט מען:

פאַרוואָס קומט איר ניט צו מיר זאַלבענאַנד?
איר ביידע האָט גענומען בײַ מיר ביכער.

25

צרבעט. 31. שרײַב אָן אין מערצאָל אין אַלע דרײַ פערזאָנען די ווײַטערדיקע צײַטווערטער:

איך קוק, איך זעץ, איך זוך, איך שפּאַציר, איך שלאָף, איך ווײַך, איך ברעך, איך פיר.

בײַשפּיל: מיר קוקן, איר קוקט, זיי קוקן.

32. שרײַב אָן אין מערצאָל אין אַלע דרײַ פערזאָנען די ווײַטערדיקע צײַטווערטער:

איך שנײַד, איך בינד, איך באַשייד, איך פאַרשווינד, איך שמיד, איך זיד, איך לאָד.

בײַשפּיל: מיר שנײַדן, איר שנײַדט, זיי שנײַדן.

33. שרײַב אָן אין מערצאָל אין אַלע דרײַ פערזאָנען די ווײַטערדיקע צײַטווערטער:

איך ווײַז, איך לאָז, איך לייז, איך פאַרגרײַז, איך ברויז, איך בלאָז, איך שפּרײַז, איך שפּײַז.

בײַשפּיל: מיר ווײַזן, איר ווײַזט, זיי ווײַזן.

34. שרײַב אָן אין מערצאָל אין אַלע דרײַ פּערזאָנען די װײַטערדיקע צײַטװערטער:

איך פֿרעג, איך שלאָג, איך זאָג, איך װױנ, איך פּלעג, איך מעג.

בײַשפּיל: מיר פֿרעגן, איר פֿרעגט, זײ פֿרעגן.

35. שטעל צו די צײַטװערטער לױט די פּערזאָנען:

מיר גראָבן	מיר שרײַבן	מיר לױבן	מיר הײבן	מיר קלײַבן
איר גראָבט	איר	איר	איר	איר
זײ גראָבן	זײ	זײ	זײ	זײ

36. שטעל צו די צײַטװערטער לױט די פּערזאָנען:

מיר גרײטן	מיר רײַטן	מיר בעטן
איר גרײט	איר	איר
זײ גרײטן	זײ	זײ
מיר שיטן	מיר בראָטן	מיר בײַטן
איר	איר	איר
זײ	זײ	זײ

26

אײנצאָל און מערצאָל.

איך לױף	מיר לױפֿן
דו לױפֿסט	איר לױפֿט
ער, זי, עס לױפֿט	זײ לױפֿן

37. שרײַב אָן אין אײנצאָל און מערצאָל די צײַטװערטער: אַרבעט.

איך רײַס, איך זאָג, איך זוך, איך לײג, איך לײַד.

27

-ען.

מיר נעמען און מיר נייען.
זיי נעמען און זיי נייען.

וואָסער פּערזאָן און וואָסער צאָל איז מיר נעמען? מיר נייען? זיי נעמען? זיי נייען?

ווי אַזוי איז די ערשטע פּערזאָן אין איינצאָל פון מיר נעמען? פון מיר נייען?

פאַרגלייך:

איך האַלט — מיר האַלטן, זיי האַלטן
איך ניי — מיר נייען, זיי נייען
איך וויל — מיר ווילן, זיי ווילן
איך נעם — מיר נעמען, זיי נעמען

וואָס פאַר אַן ענדונג האָבן אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די צייטווערטער וויל, האַלט און וואָס פאַר אַן ענדונג האָבן די צייטווערטער נעם, ניי?

אין כּלל האָבן צייטווערטער אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די ענדונג **נון**; נאָר פאַראַן טייל צייטווערטער, וואָס האָבן די ענדונג **איין נון**.

28

איך גיי — מיר גייען, איר גייט, זיי גייען
איך פלי — מיר פליען, איר פליט, זיי פליען

צײַטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן אײנצאָל אויף אַן אַלײנהילכער, האָבן אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די ענדונג אײַען נון.

צרבעט. 37. שטעל די צײַטווערטער אין אַלע דרײַ פּערזאָנען מערצאָל לויט די בײַשפּילן:

איך זע	—	מיר זעען,	איר זעט,	זיי זעען
איך ניי	—	מיר נייען,	איר נייט,	זיי נייען
איך שטיי	—	מיר	איר	זיי
איך ברי	—	מיר	איר	זיי
איך בוי	—	מיר	איר	זיי
איך צי	—	מיר	איר	זיי

29

- ע ן.

איך פּלאַם — מיר פּלאַמען, איר פּלאַמט, זיי פּלאַמען

איך נעם — מיר נעמען, איר נעמט, זיי נעמען

צײַטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן אײנצאָל אויף דעם קלאַנג מ, האָבן אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די ענדונג אײַען נון.

ארבעט. 38. שטעל די צײַטווערטער אין אַלע דרײַ פּערזאָנען מערצאָל לויט די בײַשפּילן:

איך שטאַם	—	מיר שטאַמען,	איר שטאַמט,	זיי שטאַמען
איך צאַם אײַן	—	מיר	איר	זיי
איך זאַם זיך	—	מיר	איר	זיי

איך טרוים — מיר איר זיי
איך חָלום — מיר איר זיי
איך קום — מיר איר זיי
איך באַרים זיך — מיר איר זיי

30

- ע ן.

איך קען — מיר קענען, איר קענט, זיי קענען
איך ווי̤ן — מיר ווײנען, איר ווײנט, זיי ווײנען

> צײַטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן אײנצאָל אויף דעם קלאַנג נ, האָבן אין דער ער־שטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די ענדונג אײַען נון.

ארבעט. 39. שטעל די צײַטווערטער אין אַלע דרײַ פּערזאָנען מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

איך דין — מיר דינען, איר דינט, זיי דינען
איך מײַן — מיר איר זיי
איך ברען — מיר איר זיי
איך שײַן — מיר איר זיי
איך באַשיין — מיר איר זיי

31

- ע ל.

איך ברעקל — מיר ברעקלען, איר ברעקלט, זיי ברעקלען
איך צערטל — מיר צערטלען, איר צערטלט, זיי צערטלען

ציַיטוואָרטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פערזאָן איינצאָל אויף דעם קלאַנג ל מיט אַ מיטהילכער פאַר אים, האָבן אין דער ערשטער און דריטער פערזאָן מער־צאָל די ענדונג אַיַען נון.

זרבעט. 40. שטעל די ציַיטוואָרטער אין אַלע דריַי פערזאָנען מערצאָל לויטן ביַישפּיל:

איך פּטל —	מיר פּטלען,	איר פּטלט,	זיי פּטלען
איך ווערטל זיך —	מיר	איר	זיי
איך פינטל —	מיר	איר	זיי
איך פינקל —	מיר	איר	זיי
איך מאָזל —	מיר	איר	זיי
איך בטל —	מיר	איר	זיי

32

- ע ן.

איך קלינג —	מיר קלינגען,	איר קלינגט,	זיי קלינגען
איך בענק —	מיר בענקען,	איר בענקט,	זיי בענקען

ציַיטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פערזאָן איינצאָל אויף די קלאַנגען נג, נק, האָבן אין דער ערשטער און דריטער פערזאָן מערצאָל די ענדונג אַיַען נון.

ארבעט. 41. שטעל די צײַטוועדטער אין אַלע דרײַ פּערזאָנען מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

איך דאַנק	— מיר דאַנקען,	איר דאַנקט,	זיי דאַנקען
איך שענק	— מיר	איר	זיי
איך טרינק	— מיר	איר	זיי
איך שלינג	— מיר	איר	זיי
איך ברענג	— מיר	איר	זיי
איך הענג	— מיר	איר	זיי
איך דערלאַנג	— מיר	איר	זיי
איך פֿאַנג	— מיר	איר	זיי

33

ע איז אַלע פּאָרמען.

איך האָרעווע,	דו האָרעוועסט,	ער האָרעוועט
מיר האָרעווען,	איר האָרעוועט,	זיי האָרעווען
איך לאַטע,	דו לאַטעסט,	ער לאַטעט
מיר לאַטען,	איר לאַטעט,	זיי לאַטען

> די צײַטווערטער, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל אויפֿן קלאַנג ע, לייגט מען אויס סײַ אין איינצאָל סײַ אין מערצאָל אין אַלע דרײַ פּערזאָנען מיטן אות אײַען.

ארבעט. 42. שטעל די צײַטווערטער אין אַלע דרײַ פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

איך דראַפּע, דו דראַפּעסט, ער דראַפּעט,
מיר דראַפּען, איר דראַפּעט, זיי דראַפּען.

איך האָרעווע —	דו	ער	מיר	איר	זיי
איך טשעפּע זיך —	דו	ער	מיר	איר	זיי
איך סקראָבע —	דו	ער	מיר	איר	זיי
איך בעבע —	דו	ער	מיר	איר	זיי

34

ארבעט. 43. שרייַב אָן אַלע דרייַ פּערזאָנען איינצאָל און אַלע דרייַ פּערזאָנען מערצאָל פון אַזוינע צייַטווערטער:

איך כאַפּ, איך יאָג, איך קוק, איך שפּאַציר, איך אַרבעט, איך לייַד, איך ענטפער, איך ושאַלעווע, איך היט, איך פּלאָנטער.

איך שפּרינג, איך טו, איך דריי, איך פריי זיך, איך וויין, איך זיי, איך וואַרעם, איך זינק, איך ראַטעווע.

44. שרייַב אויס פון די ווייַטערדיקע זאַצן אַלע צייַט־ווערטער און ווייַז אָן בייַ יעדן די פּערזאָן און די צאָל:

וואָס שטייסטו? פאַרוואָס העלפסטו ניט דייַן ברודער? ער טראָגט דאָך אַזאַ שווערע מַשא. איר לעבט אין אַזאַ גרויסער שטאָט, מסתּמא גייט איר אָפט אין טעאַטער. מייַן פאָטער אַרבעט אין פאַבריק. מייַן שוועסטער גייט שוין אַליין. קינדער קלאַפּן אין מייַן טיר. איך זיץ ניט ליידיק אינדערהיים. מיר מאַרשירן טריט בייַ טריט. בערל שמייַעט שמענדיק אַרום.

35

איך בין.

איך בין מיר זייַנען
דו ביסט איר זייַט
ער (זי, עס) איז זיי זייַנען

קוק זיך אײַן, צי ווערן דאָ די פּערזאָנען געפּורעמט אויף דעם געוויינטלעכן אופן?

> פון דעם צײַטוואָרט איך בין ווערן די פּערזאָנען פון איצטיקער צײַט געפורעמט ניט אויפן געוויינטלעכן אופן.
>
> אין מערצאָל קאָן אויך זײַן: מיר זענען, איר זענט, זיי זענען.

ארבעט. 45. טראַכט צו זאַצן צו די פּערזאָנען פון דעם צײַטוואָרט איך בין אין ביידע צאָלן לויט די בײַשפּילן:

איך בין אַ תּלמיד. דו ביסט הונגעריק.

36

איך האָב.

איך האָב	מיר האָבן
דו האָסט	איר האָט
ער האָט	זיי האָבן

קוק זיך אײַן, צי ווערן דאָ אַלע פּערזאָנען געפּורעמט אויפן געוויינטלעכן אופן? צי זאָגט מען: דו האָבסט, ער האָבט, איר האָבט?

נעם די פּערזאָנען פון דעם צײַטוואָרט איך גיב אין ביידע צאָלן.

> די צײַטווערטער איך האָב און איך גיב האָבן ניט דעם קלאַנג ב פאַר די ענדונגען -סט און -ט.

ארבעט. 46. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדער פּערזאָן אין ביידע צאָלן פון דעם צײַטוואָרט האָבּ.

37

איך וועל.

איך וועל	מיר וועלן
דו וועבסט	איר וועט
ער וועט	זיי וועלן

קוק זיך אײַן, ווי אַזוי עס פורעמען זיך די פּערזאָנען פון דעם צײַטוואָרט איך וועל.

דאָס צײַטוואָרט איך וועל האָט ניט דעם קלאַנג ל פאַר די ענדונגען -סט און -ט.

ארבעט. 47. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדער פּערזאָן אין ביידע צאָלן פון דעם צײַטוואָרט איך וועל.

38

פאַרגאַנגענהייט אויף -ט.

איך	קלאַפּ
איך האָב	געקלאַפּט

קוק זיך אײַן, דורך וואָס האָט די צווייטע שורה באַקומען דעם באַטײַט פון פאַרגאַנגענהייט. וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן אין פאַרגלײַך מיט דער ערשטער פּערזאָן פון דער איצטיקייט?

איצטער מאַך דעם זעלבן פאַרגלייך ביי אַלע אַנדערע פאָרמען פון איינצאָל און מערצאָל:

דו קלאַפּ-סט
דו האָסט געקלאַפּט
ער קלאַפּ-ט
ער האָט געקלאַפּט
מיר קלאַפּ-ן
מיר האָבן געקלאַפּט
איר קלאַפּ-ט
איר האָט געקלאַפּט
זיי קלאַפּ-ן
זיי האָבן געקלאַפּט

דורך וואָס האָסטו געפורעמט די פאַרגאַנגענהייט?

דורך דעם צײַטוואָרט איך האָב, דו האָסט, און אַזוי ווײַטער;

דורך דעם טראַף גע-, וואָס דו האָסט צוגעגעבן צום שטאַם פון צײַטוואָרט פון אָנהייב;

דורך דער ענדונג -ט, וואָס דו האָסט צוגעגעבן צום שטאַם פון צײַטוואָרט צום סוף.

ארבעט. 48. שרײַב אָן פון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אַלע פאָרמען פון דער פאַרגאַנגענהייט לויטן בײַשפּיל:

איך כאַפּ — 1. איך האָב געכאַפּט, 2. דו האָסט געכאַפּט, 3. ער האָט געכאַפּט, 1. מיר האָבן געכאַפּט, 2. איר האָט געכאַפּט, 3. זיי האָבן געכאַפּט.

איך ניי. איך טראַכט. איך לאַך. איך וועק. איך פּרעג. איך פּסל. איך טויג.

די פאָרם געכאַפּט רופט זיך פּאַרטיציפּ פון דעם צײַטוואָרט איך כאַפּ; דאָס אייגענע איז געלאַכט דער פּאַרטיציפּ פון איך לאַך, געזעצט דער פּאַרטיציפּ פון איך זעץ און אַזוי ווײַטער.

39

אַרבעט. 49. שרײַב אָן די פּאַרטיציפּן פון די ווײַטערדיקע צײַט־ווערטער לויטן בײַשפּיל:

איך קוש — געקושט
איך דאַרף — געדאַרפט

איך פּועל, איך האָדעווע, איך האָרעווע, איך פּטר, איך פּרעס, איך זאָרג, איך זאָג, איך קלאָג, איך שמיר, איך טראַכט.

באַמערק: דער פּאַרטיציפּ פון איך טראַכט איז: געטראַכט; דער פּאַרטיציפּ פון איך שמיר: געשמירט. פאַרוואָס זײַנען די ווערטער געטראַכט, געשמירט אויסגעלייגט אַזוי? דערמאָן זיך, וואָס עס איז געשטאַנען אין די אויפגאַבעס 24 און 25.

באַמערק די פּאַרטיציפּן פון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער:

איך ווייס — געוווּסט
איך וויל — געוואָלט
איך ברענג — געבראַכט
איך האָב — געהאַט
איך רייד — גערעדט

אָנשטאָט געבראַכט קען מען אויך זאָגן: געברענגט.

* אין ריידן קומט אוים צו הערן: געוועלט. נאָר שרײַבן אַזוי איז ניט אָנגענומען; דעם פּאַרטיציפּ פון איך וויל לייענט מען אַלעמאָל אוים: געוואָלט.

ארבעט. 50. שרײַב אָן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט די זאַצן, וואָס שטייען דאָ אין דער איצטיקייט:

איך ווייס ניט פֿון וואָס צו זאָגן. דער בָחור וויל ניט שלאָפֿן. די מאַמע ברענגט דרײַ ניסלעך פֿון דעם יאַריד. מײַן ברודער האָט אַ טײַבעלע. ער קליידט זיך ווי אַ פּריץ. די מאַמע גרייט אָן פֿאַר אַלעמען וועטשערע. איך רייד איינס, און דו רעדסט עפּעס אַנדערש.

40

פּאַרטיציפּ אויף -ן.

פֿאַרגלײַך:

איך קלאַפּ — איך האָב געקלאַפּט
איך קויף — איך האָב געקויפֿט

און:

איך בעט — איך האָב געבעטן
איך בלאָז — איך האָב געבלאָזן

פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל צײַטווערטער, וואָס זייער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך ניט אויף -ט, נאָר אויף -ן.

ארבעט. 51. שרײַב אָן דעם פּאַרטיציפּ פֿון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער לויטן בײַשפּיל:

איך וואַש — געוואַשן
איך שלאָף — געשלאָפֿן
איך זע — געזען

איך באַשאַף, איך באָד, איך בראָט, איך גראָב, איך הייס, איך פּרעס, איך האַלט, איך זע, איך לאָד.

41

פּאַרטיציפּ אויף ־ן.

פאַרגלײַך:

איך בעט — געבעטן
איך בלאָז — געבלאָזן

און:

איך ברעך — געבראָכן
איך רײַם — גערימען

אין טייל צײַטווערטער, וואָס זייער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך אויף ־ן, בלײַבט דער אַליינהילכער פון שטאָם דער זעלבער, וואָס אין דער איצטיקייט; נאָר אין דעם גרעסטן טייל צײַטווערטער, וואָס זייער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך אויף ־ן, בײַט זיך דער אַליינהילכער פון שטאָם.

אַרבעט. 52. שרײַב אָן די פּאַרטיציפּן פון די ווײַטערדיקע צײַט־ווערטער לויטן בײַשפּיל:

איך שים — געשאָסן
איך רײַב — געריבן

איך וואַרף, איך פאַרשליס, איך גיס, איך בלײַב, איך בײַט, איך לויף, איך שעכט, איך העלף, איך ווײַז.

42

אַרבעט. 53. שרײַב אָן פון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אַלע פאָרמען פון דער פאַרגאַנגענהייט לויטן בײַשפּיל:

איך וואַש — 1. איך האָב געוואַשן
2. דו האָסט געוואַשן
3. ער האָט געוואַשן

1. מיר האָבן געוואַשן
2. איר האָט געוואַשן
3. זיי האָבן געוואַשן

איך שרייב, איך קלייב, איך האַלט, איך נעם, איך וואַרף, איך טרעף, איך פּליס, איך נים, איך שמיים, איך שוויג.

אַרבעט. 54. זוך אויס אין דיין לייענבוך און שרייב איבער אין העפט צען צייטווערטער אין דער פאַרגאַנגענער צייט, ווו דער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך אויף -ט, און צען אַנדערע צייטווערטער אין דער פאַרגאַנגענער צייט, ווו דער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך אויף -ן.

43

פּאַרטיציפּ אויף -ען.

פאַרגלייך:

איך ברעך — געבראָכן
איך בלאָז — געבלאָזן

און:

איך נעם — גענומען
איך קלינג — געקלונגען

אַרבעט. 55. שרייב איבער צו זיך אין העפט די וויטערדיקע זאַצן:

נעכטן זיינען מיר שפּעט געקומען אַהיים. עס האָבן די גלעקער געקלונגען. ויצט אין אַ שטייגל אַ פויגל געפאַנגען. פּסח צום סדר האָבן מיר געטרונקען מעד. די שפּין האָט געשפּונען איר נעץ. וועב. ווו האָסטו גענומען אַזאַ מכשיר?

> אויב דער שטאַם פון דעם צייטוואָרט ענדיקט זיך אויף מעם, נון, גימל אָדער נון קוף, איז אין פּאַרטיציפּ די ענדונג ניט נון, נאָר איין נון.

44 •

איך בינד — געבונדן
איך שפּרינג — געשפּרונגען

באַמערק, וואָסער אַליינהילכער עס שטייט אין דער איצטי־קייט איך בינד, איך שפּרינג און וואָסער אַליינהילכער עס שטייט אין דעם פּאַרטיציפּ געבונדן, געשפּרונגען.

> פאַראַן אַ צענדליק צײַטווערטער, וואָס הערן הערט זיך אין דעם שטאַם פון אַלע פאָרמען דער קלאַנג י, נאָר אויסלייגן לייגט מען אויס דעם פּאַרטיציפּ מיט אַ וואָוו, אַלע אַנדערע פאָרמען מיט אַ יוד.

ארבעט. 56. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיקלעך און באַמערק, ווו די שרײַבסט אַ וואָוו, כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג י:

איך זינג — איך האָב געזונגען
איך טרינק — איך האָב געטרונקען
איך רינג — איך האָב גערונגען
איך קלינג — איך האָב געקלונגען
איך געפין — איך האָב געפונען
איך געווין — איך האָב געוונען
איך שלינג — איך האָב געשלונגען
איך נעם — איך האָב גענומען

ארבעט. 57. צו יעדן פון די צײַטווערטער פון דער אַרבעט 56 שרײַב אָן דרײַ זאַצן, אין וועלכע דאָס צײַטוואָרט שטייט אין דער איצטיקייט, און דרײַ זאַצן, אין וועל־כע דאָס צײַטוואָרט שטייט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

בײַשפּיל: דער ברודער זינגט. דער ברודער האָט געזונגען.

ארבעט. 58. שרײַב איבער אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיק־לעך און באַמערק, ווו דו שרײַבסט אַ וואָוו. כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג י:

איך ווינק — איך האָב געווונקען
איך דרינג — איך האָב געדרונגען
איך לינק אוים — איך האָב אויסגעלונקען
איך שינד — איך האָב געשונדן
איך צינד — איך האָב געצונדן
איך צווינג — איך האָב געצוווּנגען
איך שפּין — איך האָב געשפּונען.

ארבעט. 59. צו יעדן פון די צײַטווערטער פון דער אַרבעט 58 שרײַב אָן דרײַ זאַצן, אין וועלכע דאָס צײַטוואָרט שטייט אין דער איצטיקייט, און דרײַ זאַצן, אין וועל־כע דאָס צײַטוואָרט שטייט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

בײַשפּיל: די מאַמע ווינקט צום קינד. די מאַמע האָט גע־וווּנקען צום קינד.

45 *

י י — ו י.

איך בייג דעם קאָפּ. איך האָב געבויגן דעם קאָפּ.

דו הייבסט שוין ווידער אָן דײַנע שטיק. דו האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן דײַנע שטיק.

די מוטער זייגט דאָס קינד. די מוטער האָט געזויגן דאָס קינד.

פאַרגלײַך די שרײַבונג פון די ווערטער: ב י י ג, ה י י ב ס ט, ז י י נ ט און ג ע ב ו י ג ן, ג ע ה ו י ב ן, ג ע ז ו י ג ן. צי איז דער קלאַנג יי אויסגעלייגט ביידע מאָל אויפן זעלביקן אופן?

> די פאָרמען געבויגן, געהויבן, געזויגן ווערן אויס־
> געלייגט מיט וו אָ ו ־ י ו ד, אַלע אַנדערע פאָרמען פון די
> זעלבע צײַטווערטער מיט צוויי יודן.
> געדענק, אַז ווו ס׳איז אויסגעלייגט ו ו אָ ו י ו ד איז
> בעסער אַרויסצורײדן דעם קלאַנג אָי.

אַרבעט. 60. שרײַב אָן צו דרײַ זאַצן, אין וועלכע ס׳באַגעגענען זיך די פאָרמען ג ע ב ו י ג ן, ג ע ה ו י ב ן, ג ע ז ו י ג ן, און צו דרײַ זאַצן, אין וועלכע ס׳באַגעגענען זיך אַנדערע פאָרמען פון די זעלבע צײַטווערטער.

46

פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט מ י ט „א י ך ב י ן".

פאַרגלײַך:

איך גייען — איך האָב געפונען
איך טרײַב — איך האָב געטריבן

און:

איך רין — איך בין גערונען
איך בלײַב — איך בין געבליבן

ווי אַזוי איז געפורעמט די פאַרגאַנגענהייט אין די ערשטע צוויי בײַשפּילן? וואָסער צײַטוואָרט איז דאָ צוגעגעבן צום פּאַרטיציפּ? וואָסער צײַטוואָרט איז צוגעגעבן צום פּאַרטיציפּ אין די אַנדערע צוויי בײַשפּילן?

אין כּלל פורעמען די צײַטווערטער זייער פאַרגאַנגענהייט מיט דער הילף פון דעם צײַטוואָרט איך האָב; נאָר פאַראַן אַ צאָל צײַטווערטער, וואָס פורעמען זייער פאַרגאַנגענהייט מיט דער הילף פון דעם צײַטוואָרט איך בין.

די צײַטווערטער איך האָב און איך בין רופט מען הילפצײַטווערטער; מיט זייער הילף ווערט געפורעמט די פאַרגאַנגענהייט פון אַלע אַנדערע צײַטווערטער.

די פאַרגאַנגענהייט פון אַ צײַטוואָרט באַשטייט פון דעם הילפצײַטוואָרט און דעם פאַרטיציפּ.

ארבעט. 61. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיקלעך:

איך בין — איך בין געווען (געוועזן)

איך בלײַב — איך בין געבליבן

איך שטיי — איך בין געשטאַנען

איך ליג — איך בין געלעגן

איך זיץ — איך ביך געזעסן

איך שטאַרב — איך בין געשטאָרבן

איך ווער — איך בין געוואָרן

איך גיי — איך בין געגאַנגען

איך לויף — איך בין געלאָפן

איך שווים — איך בין געשווומען

איך פאָר — איך בין געפאָרן

איך שטײַג — איך בין געשטיגן

איך פאַל — איך בין געפאַלן

איךווינק — איך בין געווונקען
איך קריך — איך בין געקראָכן
איך שפּרינג — איך בין געשפּרונגען
איך קום — איך בין געקומען
איך הענג — איך בין געהאַנגען

62. קלער צו צו צוויי זאַצן אויף יעדער פאַרנאַנגענהייט, וואָס איז פאַראַן אין דער אַרבעט 61, לויט די ביישפּילן:

דער פאָטער איז געווען אין שטוב. פיר זיינען מיר געזעסן.

געדענק, אַז מען קען זאָגן און שרייבן:

איך בין געשלאָפן

און

איך האָב געשלאָפן.

פאַרגלייך:

דער זייגער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט,

אָבער:

די מאַמע האָט געהאַנגען וועש.

* עס קומט אוים צו הערן: איך האָב געגאַנגען, איך האָב געפאָרן און אַזוי ווייטער. ס'איז אָבער ניט רעכט אַזוי. מען דאַרף ריידן און שרייבן ווי ס'איז אָנגעוויזן אין דער אַרבעט 61.

47

פּאַרטיציפּ.

פאַרגלייך:

איך בלייב — געבליבן
איך באָד — געבאָדן

און:

איך שנײַד — געשניטן
איך זיד — געזאָטן

וואָסער טייל פונעם שטאַם האָט זיך געביטן בײַם פּאַרטיציפּ אין די ערשטע צוויי צײַטווערטער? צי האָט זיך געביטן דער מיטהילכער אויך?

וואָסער טייל פונעם שטאַם האָט זיך געביטן בײַם פּאַרטיציפּ אין די אַנדערע צוויי ווערטער? צי האָט זיך געביטן נאָר דער אַליינהילכער?

> אין דעם גרעסטן טייל צײַטווערטער, וואָס זייער פּאַרטיציפּ ענדיקט זיך אויף -ן, איז דער אונטערשייד צווישן דעם שטאַם פון דעם פּאַרטיציפּ און פון דער איצטיקייט נאָר אין אַליינהילכער; נאָר פאַראַן עטלעכע צײַטווערטער, וואָס עס בײַט זיך אין זיי אי דער אַליינהילכער אי דער מיטהילכער.
>
> באמערקונג. אין § 37 האָבן מיר געזען אויך אזוינע צײַטווערטער מיטן פארטיציפּ אויף -ן, וואס אי דער אליינהילכער אי דער מיטהילכער זײַנען אין פארטיציפּ די זעלבע ווי אין דער איצטיקייט.

ארבעט. 63. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע סלופיקלעך:

איך לײַד — געליטן
איך זיד — געזאָטן
איך מײַד אוים — אויסגעמיטן
איך גיי — געגאַנגען
איך שטיי — געשטאַנען
איך פלי — געפלויגן
איך עס — געגעסן

נעדענק, אַז מען קען זאָגן:

שפּײַען — געשפּיגן, געשפּיען, געשפּויגן, געשפּײַט

לײַען — געליגן און געליען

שרײַען — געשריגן און געשריען

• מען קען זאָגן:

מײַרן — אויסגעמיטן און אויסגעמײַדט

ארבעט. 64. שרײַב אָן צו דרײַ זאַצן, אין וועלכע ס׳זאָלן זיך באַנוצן די צײַטווערטער פון דער אַרבעט 63 אין דער איצטיקייט, און צו דרײַ זאַצן, אין וועלכע די זעלבע צײַטווערטער זאָלן זיך באַנוצן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

בײַשפּילן: דער אַעראָפּלאַן פליט אינדערלופטן; לינדבערג איז דער ערשטער אַריבערגעפלוינן דעם אַטלאַנטיק.

48

פּ אָ ד ע ר ט י י ל ן.

פאַרגלײַך:

דו לייגסט, ער לייגט, מיר לייגן.

וואָס איז דער שטאַם פון די דרײַ ווערטער? וואָס איז אין יעדן פון די דרײַ ווערטער צוגעגעבן צום שטאַם? ווי אַזוי רופט מען די דאָזיקע טיילן, וואָס זײַנען צוגעגעבן נאָכן שטאַם?

פאַרגלײַך:

איך באַלייג, איך דערלייג, איך צעלייג.

וואָס איז דער שטאַם פון די דרײַ ווערטער? וואָס איז אין יעדן פון די דרײַ ווערטער צוגעגעבן צום שטאַם? ווי זײַנען צוגעגעבן די דאָזיקע צוגעקומענע טיילן?

דערמאָן זיך, וואָס עס איז געשטאַנען אין § 6 וועגן שטאַם און ענדונג.

דער טייל, וואָס קומט צו אין וואָרט פאַרן שטאַם, רופט זיך **פּאָדערטייל**.

65. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע צײַטווערטער און שטרײַך אונטער די פּאָדערטיילן:

טראַכטן, אויסטראַכטן, איבערטראַכטן, באַטראַכטן, פאַר־טראַכטן, צוטראַכטן.

66. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע צײַטווערטער און שטרײַך אונטער די פּאָדערטיילן:

אויפנעמען, איבערבעטן, באַלייטן, פאַרבעטן, אויסשרײַבן, צעשנײַדן, דערהיטן, פאַרנייען, באַפּוצן, צעשטעלן.

67. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צען צײַטווערטער מיט פּאָדערטיילן.

68. טראַכט צו פּאַסיקע פּאָדערטיילן צו די ווײַטערדיקע צײַטווערטער:

איך שרײַב, איך גיי, איך לויף, דו זוכסט, מיר קוקן, דו נעמסט, איר שרויפּט, איך פאַרב, זיי זעגן, דו האַקסט.

49

פּאַרטיציפּ אָן גע־.

פאַרגלײַך:

איך זע — געזען

איך טראַכט — געטראַכט

און:

איך דעריזע — דעריזען
איך באַטראַכט — באַטראַכט

צי האָבן די פּאַרטיציפּן פון די אַנדערע צוויי צײַטווערטער
אויף דעם טראַף גע- צום אָנהייב?

קוק זיך אײַן אין דער איצטיקייט פון די ערשטע צוויי
צײַטווערטער און פון די אַנדערע צוויי. פאַרגלײַך:

זע — דעריזע
טראַכט — באַטראַכט

אויף וועלכע טראַפן שטייט דער אַקצענט אין די ווערטער:
דעריזע, באַטראַכט?

די צײַטווערטער, וואָס האָבן אין דער איצטיקייט א פּאָדערטייל, אויף וועלכן עס שטייט ניט דער אַקצענט, פורעמען זייער פּאַרטיציפּ אָן דעם טראַף גע- צום אָנהייב.

69. אַרבעט. פורעם די פאַרגאַנגענהייט פון די ווײַטערדיקע צײַט-ווערטער:

איך צעברעך. איך צערײַס. איך פאַרלעש. איך פאַרגיס. איך דערקריך. איך צעבייג.

70. מאַך איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אַזוי, אַז אַלע צײַטווערטער זאָלן שטיין אין דער פאַרגאַנגענהייט:

דער וואָלף דערנענטערט זיך. דאָס וואַסער צע-שפּרינגט אין טויזנטער קליינע שפּריצלעך. דער טאַטע באַשטעלט פאַרן פערד פּאָטקעוועס אויף שרײַפלעך. דאָס פערד פאַרלייגט די אויערן צו דער פּלייצע. פּלוצים דער-

הער איך אַ געזאַנג. דאָס פֿייגעלע אַנטלויפֿט פֿון שטײַג. די לימודים בײַ אונדז אין קלאַס געדויערן אַלע טאָג צו פֿינף שעה.

50

ארבעט. 71. שטרײַך אונטער דאָס הילפֿצײַטוואָרט איין מאָל און דעם פּאַרטיציפּ צוויי מאָל:

איך בין נעגאַנגען אין וואַלד. איך האָב געזען אַ נעסט פֿון פֿייגל. איך בין אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוים. דער פֿויגל איז געזעסן אין נעסט. ער האָט דערזען אַ מענטשן, האָט ער זיך דערשראָקן. ער איז אַוועקגעפֿלויגן. איך האָב געפֿונען אין נעסט צוויי אייעלעך. איך האָב באַטראַכט די אייעלעך, נאָר ניט גענומען זיי.

72. פֿורעם דעם פּאַרטיציפּ פֿון די צײַטווערטער: איך לויף, איך כאַפּ, איך נעם, איך שטיי, איך גיי, איך שרײַב, איך שעפּ, איך וועב, איך קריך, איך יאָג, איך טראָג, איך זינג, איך מאַך.

73. געפֿין אין דײַן לייענבוך צוואַנציק פּאַרטיציפּן.

74. פֿורעם די פֿאַרגאַנגענהייט אין אַלע פּערזאָנען פֿון ביידע צאָלן פֿון די צײַטווערטער: איך בוי, איך גראָב, איך זיי, איך רײַב.

75. שרײַב אָן די פֿאַרגאַנגענהייט פֿון: איך שווער, איך אַרבעט, איך צייכן.

76. שרײַב אָן איך לייען, איך וויל אין דער איצטיקער און פֿאַרגאַנגענער צײַט אין אַלע פּערזאָנען פֿון ביידע צאָלן.

51

קומעדיקייט.

איינצאל 1. איך וועל שרײַבן
2. דו וועסט שרײַבן
3. ער וועט שרײַבן

מערצאל 1. מיר וועלן שרײַבן
2. איר וועט שרײַבן
3. זיי וועלן שרײַבן

ווי אַזוי ווערט געפורעמט די קומעדיקייט? וואָסער טייל בײַט זיך לויט דער צאָל און די פּערזאָנען? וואָסער טייל בלײַבט ניטגעביטן?

ווי אַזוי וועט זײַן אין דער קומעדיקייט אין אַלע פּערזאָנען איןביידע צאָלן איך עס?

די קומעדיקייט ווערט געפורעמט מיט דער הילף פון דעם צײַטוואָרט **איך וועל**.

דאָס צײַטוואָרט **איך וועל** איז אַ הילפצײַטוואָרט.

דער צווייטער טייל פון דער קומעדיקייט, וואָס חזרט זיך איבער ניטגעביטן אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל, רופט זיך **אינפיניטיוו**.

ארבעט. 77. שרײַב אָן די קומעדיקייט פון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל:

איך וועל ציילן, איך וועל בעטן, איך וועל ראַמען.

78. שרײַב אָן די קומעדיקייט פון די ווײַטערדיקע צײַטווערטער אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל:

איך וועל שפּאַצירן, איך וועל שלאָפן, איך וועל רוען.

ארבעט. 79. שרײַב אָן די װײַטערדיקע צײַטװערטער אין אַלע דרײַ צײַטן און אַלע פּערזאָנען אין אײנצאָל און מערצאָל:

איך שיס, איך האָב געשאָסן, איך װעל שיסן. איך פֿאָר, איך בין געפֿאָרן, איך װעל פֿאָרן.

פֿײגעלע, פֿײגעלע,	װאָס װעט ער ברענגען?
פּי פּי פּי!	אַ פּעסעלע ביר.
װוּ איז דער טאַטע?	װוּ װעט ער שטעלן?
ניטאָ הי.	הינטער דער טיר.
װען װעט ער קומען?	װער װעט טרינקען?
מאָרגן פֿרי.	איך מיט דיר.

80. שרײַב אויס פֿון דעם ליד די צײַטװערטער, װאָס שטײען אין דער קומעדיקײט. שטרײַך אונטער דאָס הילפֿ־צײַטװאָרט אײן מאָל, דעם אינפֿיניטיװ צװײ מאָל.

52

א י נ פ י נ י ט י װ.

איך האָב אַ חבֿר, קען ער אַלערלײ זאַכן: שפּילן אין פֿוטבאָל, װאַרפֿן אַ שפּיז, לויפֿן, שװימען. ער האָט זײער ליב צו פֿאַרנעמען זיך דערמיט. אָבער ער איז אַ גוטער תּלמיד אויך. ער קען גוט שרײַבן, חשבונען, דערצײלן. מאָלן מאָלט ער אויך ניט שלעכט. ער איז אַ פֿעיִקער יונג.

ארבעט. 81. שרײַב איבער די געגעבענע זאַצן. שטרײַך אונטער דעם אינפֿיניטיװ.

> דער אינפיניטיוו ווערט גענוצט ניט דווקא אויף צו פורעמען די קומעדיקייט.

איך קען אַרבעטן. איך האָב געקענט אַרבעטן. איך וועל קענען אַרבעטן.

איך קען אַרבעטן. דו קענסט אַרבעטן. ער קען אַרבעטן.

איך קען אַרבעטן. מיר קענען אַרבעטן.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

פאַרגלײַך:

איך גראָב —	מיר גראָבן —	גראָבן
איך נעם —	מיר נעמען —	נעמען
איך קען —	מיר קענען —	קענען
איך ברעקל —	מיר ברעקלען —	ברעקלען
איך דאַנק —	מיר דאַנקען —	דאַנקען
איך דערלאַנג —	מיר דערלאַנגען —	דערלאַנגען
איך האָרעווע —	מיר האָרעווען —	האָרעווען

באַמערק אָבער:

איך וויל —	מיר ווילן —	וועלן
איך ווייס —	מיר ווייסן —	וויסן
איך טו —	מיר טוען —	טאָן (טון)
איך בין —	מיר זײַנען —	זײַן

> דער אינפיניטיוו איז געגליכן צו דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל פון איצטיקייט. בלויז די צײַטווערטער איך וויל, איך ווייס, איך טו, איך בין זײַנען אַן אויסנאַם.

אַרבעט. 82. פורעם דעם אינפיניטיוו פון די ווײַטערדיקע צײַט־ווערטער לויטן בײַשפּיל:

איך נעם — נעמען.

איך זוך. איך דאַרף. איך בעט. איך שרײַב. איך קום. איך מאָל. איך שיס. איך פאַרב. איך זינג. איך פועל. איך שפּיל. איך הייב. איך זעג. איך באַק. איך בטל.

83. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צען אינפיניטיוון.

53

פינף און זעקס און זיבן, אַכט.
נישט געוויינט און נישט געלאַכט.
נישט געשטאַנען! נאָר נישט שטיין!
נישט געלאָפן! גיין נאָר, גיין!
מאַרש, מאַרש, געגאַנגען!
מיט פויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן!

אַרבעט. 84. שרײַב אויס דאָס ליד צו זיך אין העפט און שטרײַך אונטער דעם פּאַרטיציפּ איין מאָל, דעם אינפיניטיוו צוויי מאָל.

54

באַפעלפאָרם.

דו לייענסט הויך. לייען שטילער.
דו שרײַבסט שמוציק. שרײַב ריינער.
דו גייסט פּאַמעלעך. גיי גיכער.

פאַרגלײַך:

לײענ-סט און לײען
שרײַב-סט און שרײַב
ניי-סט און גיי

װעלכע פון די צװײ פאָרמען ניצן מיר, װען מיר בעטן אָדער מיר הײסן עפּעס טאָן?

די פאָרם פון צײַטװאָרט, װאָס באַצײכנט אַ באַפעל אָדער אַ בקשה, רופט מען באַפעלפאָרם.

מאַך גיך צו דײַן אײגעלע,
נורע אײַן דײַן נעװעלע,
דרײ זיך אײַן — אַ בײגעלע;
אַליע ליוליע, שלאָף שױן אײַן,
ליב קעצעלע דו מײַן!

אַרבעט. 85. שרײַב אױס דאָס ליד און שטרײַך אונטער די צײַט־װערטער אין דער באַפעלפאָרם.

86. נעמען אין דײַן לײענבוך פינף צײַטװערטער אין דער באַפעלפאָרם.

87. טראַכט אַלײן צו צען זאַצן מיט צײַטװערטער אין דער באַפעלפאָרם.

גיב מיר דאָס בוך!	איך גיב דיר דאָס בוך.
זיץ רויק!	איך זיץ רויק.

לײען איבער די ערשטע שורה רעכטס. װאָס דריקט דאָ אױס דאָס צײַטװאָרט גיב? לײען איבער די אַנטקעגנדיקע ערשטע שורה לינקס. װאָס דריקט אױס דאָס צײַטװאָרט גיב?

וואָס דריקט אוים אין דער צווייטער שורה רעכטס דאָס צײַטוואָרט זיץ? און וואָס דריקט אוים דאָס צײַטוואָרט זיץ אין דער צווייטער שורה לינקס?

די באַפעלפאָרם איז שטענדיק גלײַך צו דער ערשטער פערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקייט.

אַרבעט. 88. שרײַב אָן די באַפעלפאָרם פון די צײַטווערטער:

איך זיץ, איך לייג, איך טשעפּע, איך האַווקע, איך שלעפּ, איך קלינג, איך פאַרבײַט, איך דערציייל, איך פאַרשטיי, איך פאַרבינד, איך צעוואַרף.

נערענק אָבער: איך בין — זײַ.

55

באַפעלפאָרם אין מערצאָל.

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רײַסט די פענצטער, ברעכט זיי אויס,
נעמט אַרײַן דעם גאַסט דעם גרויסן —
קומט אַנטקעגן אים אַרויס!

צו וויפיל זאָגט מען: עפן טירן — צו איינעם אָדער מער?
און: קומט אין דרויסן — זאָגט מען צו וויפיל?

עפנט די טיר!	איר עפנט די טיר.
קומט אַהיים!	איר קומט אַהיים.

פאַרגלײַך די שורות רעכטס און לינקס.

די מערצאָל פון דער באַפעלפאָרם איז שטענדיק גלײַך צו דער צווייטער פּערזאָן מערצאָל פון דער איצטיקייט.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פרײַ באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווײַגן, וואַרפט די ביימער,
טוט וואָס אײַך געפעלט!

ארבעט. 89. שרײַב איבער דאָס ליד צו זיך אין העפט. שטרײַך אונטער די צײַטווערטער אין באַפעלפאָרם. שרײַב אָן דאָס ליד אַזוי, אַז די צײַטווערטער זאָלן שטיין אין איינצאָל פון דער באַפעלפאָרם.

56

באַפעלפאָרם אין אַלע דרײַ פּערזאָנען.

לאָמיך גיין אין וואַלד!
גיי אין וואַלד!
זאָל ער גיין אין וואַלד!

לאָמיר גיין אין וואַלד!
גייט אין וואַלד!
זאָלן זיי גיין אין וואַלד!

וואָס דריקט אויס לאָמיך גיין? איף וואָסער פּערזאָן גייט דאָס?

וואָס דריקט אויס: זאָל ער גיין? אויף וואָסער פּערזאָן גייט דאָס?

פון וואָסערע טיילן באַשטייט לאָמיך גיין? פון וואָסערע טיילן זאָל ער גיין?

די באַפעלפאָרם האָט אויך דרײַ פּערזאָנען: די ערשטע ווערט געפורעמט דורך לאָמיך, לאָמיר מיט דעם אינפיניטיוו; די דריטע — דורך זאָל, זאָלן מיט דעם אינפיניטיוו.

באַמערקונג. אויך אין דער צווייטער פּערזאָן קען מען זאָגן: זאָלסט גיין אין וואַלד! איר זאָלט גיין אין וואַלד!

צרבעט. 90. פורעם די באַפעלפאָרם אין אַלע דרײַ פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל פון די צײַטווערטער:

איך שטיי, איך זע, איך לעב, איך זאָג, איך מאַך, איך וויך, איך וואַש.

בײַשפּיל: לאָמיך שטיין!	לאָמיר שטיין!
שטיי!	שטייט!
זאָל ער שטיין!	זאָלן זיי שטיין!

57

איבערחזרונג פון צײַטוואָרט.

איצטיקייט

איך לעב	מיר לעבן
דו לעבסט	איר לעבט
ער לעבט	זיי לעבן

פאַרגאַנגענהייט

איך האָב געלעבט	מיר האָבן געלעבט
דו האָסט געלעבט	איר האָט געלעבט
ער האָט געלעבט	זיי האָבן געלעבט

ק ו מ ע ד י ק י י ט

איך וועל לעבן	מיר וועלן לעבן
דו וועסט לעבן	איר וועט לעבן
ער וועט לעבן	ויי וועלן לעבן

ב אַ פ ע ל פ אָ ר ם

לאָמיך לעבן!	לאָמיר לעבן!
לעב!	לעבט!
זאָל ער לעבן!	זאָלן זיי לעבן!

פ אַ ר ט י צ י פ: געלעבט.
אי נ פ י נ י ט י װ: לעבן.

די ענדערונג פון צײַטוואָרט לויט צײַט, פערזאָן און צאָל רופט מען ב י י ג ו נ ג. מען זאָגט: א י ך ב י י ג דאָס צײַטוואָרט.

ווען מען וויל אָנרופן אַ צײַטוואָרט סתּם, רופט מען דאָס רוב אָן דעם אינפיניטיוו; אַ שטייגער: „איך בייג דאָס צײַטוואָרט ל ע ב ן"; „ג י י איז די באַפעלפאָרם פון ג י י ן"; „דאָס צײַטוואָרט מ ו ז ן האָט ניט קײַן -ט אין דער דריטער פערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקייט".

58

ב ע ר ל.

בערל איז אַ ווילער יונג,
נאָר ער קען ניט ציילן.
אַזאַ נאַריש יינגל איז ער,
ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן.

וויפיל איז אַ דרײַ און פינף?
גלאָצט ער מיט די אויגן.
„בערל! בערל! ברומט דער טאַטע;
ועסט צו נאַרנישט טויגן!"

„נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן,
וויפיל איז געבליבן?"
קראַצט זיך בערל אויפן שטערן,
און ער ענטפערט: „זיבן".

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע:
„בערעלע! בערולע!"
דריקט די מאַמע אים צום האַרצן:
„בערעלע, מײַן גדולה".

ארבעט. 91. באַשטים די פאָרם פון אַלע צײַטווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן אין דעם ליד.

ארבעט. 92. באַשטים די פאָרם פון אַלע צײַטווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן אין די ווײַטערדיקע זאַצן:

קומט דער ליבער צויבערמאַן אויף אַ גילדערנעם געשפאַן; האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ און אַ דימענטענע האַרץ. שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק, הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק: „כ׳האָב מתּנות אַלערליי, קומט און קלײַבט זיך אויס פון זיי!"

93. באַשטים די פאָרם פון אַלע צײַטווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן אין די ווײַטערדיקע זאַצן:

מאָטקע האָט פון נעכטן אָן אין זײַן מויל ניט געהאַט. דאָס האַרץ האָט אים גענאָגט פון הונגער. דער הונגער האָט מאָטקען אין מאַרק געטריבן, טאָמער וועט ער דאָרט עפּעס כאַפּן. עס איז געווען אַ פרײַטאָג אינדערפרי, אַ מאַרקטאָג. איינער אַ קצב האָט קעלבלעך צוזאַמענגעקליבן פון מאַרק. האָט זיך דער אַלטער ייִד מיט זיי קיין עצה ניט געקענט געבן. די קעלבלעך זײַנען זיך

צעלאָפּן, און יעדעס מאָל האָט ער אַן אַנדערס געיאָגט וואָס איז אַרײַן צווישן די פֿורן. מאָטקע האָט עס באַמערקט. האָט ער גע־נומען אַ רוט פֿון דער ערד און געהאָלפֿן דעם קַצב די קעלבער צונויפֿיאָגן. „אָט אַזוי, העלף זיי צונויפֿנעמען, וועסטו קריגן אויף זעמל. טו עפּעס, יונג, העלף! דריי זיך ניט אַרום ליידיק!“ שרײַט צו אים דער קַצב. מאָטקען איז דאָס געפֿעלן. ער האָט צונויפֿגע־יאָגט די קעלבער. מאָטקע האָט דערפֿאַר געקראָגן אַ פּאָר קאָפּיקעס.

II. זאַכוואָרט.

59

קויפט, קויפט, קונים!

קויפט, קויפט, קונים!
איך האָב אײַך צו פאַרקויפן
אַ פערדעלע, אַ וועגעלע
אויף רײַטן און אויף לויפן.
קומט, קומט, קונים!
מיר וועלן זיך נישט דינגען;
כ'האָב מענטשעלעך, פּאַיאַצעלעך,
וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.
פּאַיאַצעלעך און שמענדריקלעך,
מיט קאָלפּאַקלעך און גלעקעלעך,
מיט רויטע ברייטע הייזעלעך,
מיט אָנגעפאַרבטע בעקעלעך.
כ'האָב הינדעלעך און קאַטשקעלעך
און וועווריקלעך און האָזן,

כַ׳האָב פייגעלעך און פײַפעלעך,
פּאַבירלעך אָנצובלאָזן,
כ׳האָב פידעלעך און צימבעלעך,
כ׳האָב פויקן און טרומייטן,
איר קריגט זיי נישט אין ערגעץ נישט,
אין אַלע מערק און קלייטן.
טאָ קומט זשע, קומט זשע, קונימלעך,
באַקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכן:
כ׳האָב צאַצקעלעך און שפּילעכלעך
און אַלע גוטע זאַכן.

ארבעט. 94. שרײַב אויס פון דעם ליד יענע אַלע ווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן: מענטשן, בעלי־חַיים, שפּי־לעכלעך און אַזוי ווײַטער.

60

1) לייזער איז שוין קראַנק דעם דריטן טאָג.

2) מֵאיר איז לייזערס אַ חַבר.

3) מֵאיר האָט געבראַכט לייזערן לאָבונג.

שרײַב אויס פון די דרײַ זאַצן אַלע פאָרמען פון דעם וואָרט לייזער אין דעם סֵדר ווי זיי שטייען אין די זאַצן.

וויפיל פאַרשיידענע פאָרמען האָסטו געפונען? שרײַב זיי אויס באַזונדער אין אַ סלופּיקל און טייל אָפּ דעם שטאַם פון דער ענדונג דורך אַ פּאַכיקל.

צי קען מען זאָגן: לייזערן איז קראַנק?
צי קען מען זאָגן: מֵאיר איז לייזער אַ חַבר?
צי קען מען זאָגן: געבראַכט לייזער לאָבונג?

באַטראַכט דעם אונטערשייד:

מֵאיר האָט געבראַכט לייזערן לאָבונג.
מֵאיר האָט געבראַכט לייזערס לאָבונג.
וואָס פאַר אַן אַנדער טײַטש האָט דאָס וואָרט באַקומען דורך צוגעבן אַן אַנדער ענדונג?

ארבעט. 95. מאַך איבער די דרײַ זאַצן, וואָס צום אָנהייב, אַזוי אַז אָנשטאָט לייזער זאָלן שטיין די ווערטער:
דָוויד, זַלמן, זעליק, יאַנקל, מאָטל, ריווע, פעסיע.

די פאָרמען: לייזער, לייזערס, לייזערן, מאָטל, מאָטלס, מאָטלען און אַזוי ווײַטער רופט מען בייגפאַלן (אַמאָל זאָגט מען פשוט: פאַלן).
די ווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן, בײַטן זיך לויט בייגפאַלן. די דאָזיקע ווערטער רופט מען זאַכווערטער.

61

ארבעט. 96. פאַרשרײַב צען זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן, וועלכע זײַנען פאַראַן אין קלאַס.

97. פאַרשרײַב צען זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען די מעבל בײַ אײַך אין שטוב.

98. פאַרשרײַב צען זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן, וועלכע דו האָסט געזען גייענדיק אין שול.

99. פאַרשרײַב צען זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן, וועלכע מען קען קויפן אין מאַרק.

100. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען די נעמען פון דײַנע חבֿרים און חבֿרטעס.

101. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען נעמען פון פייגל.

102. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען נעמען פון פירפיסיקע בעלי־חיים.

103. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען דײַנע לערן־מכשירים.

104. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען קרובים פון דער משפּחה.

105. פאַרשרײַב צען זאַכװערטער, װאָס באַצייכענען בגדים.

62

אַ מַעשׂהלע.

אײנס, צװײ, דרײַ, פיר, —
קינדער קלאַפּן אין מײַן טיר.
— קינדער גוטע, קומט אַרײַן,
װעט איר גוטע געסט דאָ זײַן.
און בײַ מיר אין קלײנעם הויז
אין אַ רעדל זעצט זיך אויס.
זיצט און שװײַגט און ביזן סוף
הערט אַ מַעשׂהלע פון שלאָף.

לײען איבער די ערשטע צװײ שורות. װיפיל איז קינדער, — אײן קינד, צי מער? װער זשע קלאַפּט אין טיר: אײן קינד, צי

מער ווי איין קינד? אין וויפיל טירן קלאַפּן די קינדער: אין איינער, צי אין מער ווי איינער?

לייען איבער די ווײַטערדיקע שורות. ווײַז אָן, ווו רעדט זיך וועגן איין זאַך, און ווו—וועגן מער ווי איין זאַך.

> זאַכווערטער האָבן אויך צוויי צאָלן: איינצאָל און מערצאָל.

63

מערצאָל.

איינס, צוויי, דרײַ, פּיר, —
קינדער קלאַפּן אין מײַן טיר.

איינס, צוויי, דרײַ, פּיר, —
קלאַפּט אַ קינד צו מיר אין טיר.

פאַרגלײַך דאָס וואָרט קינד מיט דעם וואָרט קינדער. וואָס איז אין דעם וואָרט קינדער געוואָרן אַנדערש ווי אין דעם וואָרט קינד?

פאַרגלײַך די ווײַטערדיקע שורות פון רעכטס און פון לינקס:

קינדער גוטע, קומט אַרײַן,
וועט איר גוטע געסט דאָ זײַן.

טײַער קינד מײַנס, קום אַרײַן,
וועסט אַ גוטער גאַסט דאָ זײַן.

צו וויפיל קינדער רעדט זיך אין די צוויי שורות רעכטס?

פאַרגלײַך דאָס וואָרט גאַסט מיט דעם וואָרט געסט.

אין וואָס באַשטייט די ענדערונג אין דעם וואָרט קינדער? צי איז אין דעם וואָרט געסט צוגעגעבן אַן ענדונג? וואָס איז אין דעם וואָרט געסט געוואָרן אַנדערש ווי אין דעם וואָרט גאַסט?

> די מערצאָל פונעם זאַכוואָרט ווערט געפורעמט דורך באַזונדערע ענדערונגען צום סוף וואָרט, אָדער דורך ענדערונגען אין דעם אַלײנהילכער אינמיטן וואָרט.

64

קעצעלע, מײַן ברעקעלע   מאַך גיך צו דײַן אייגעלע,
מיטן גרויען עקעלע,   נורע אײַן דײַן נעזעלע,
מיטן ראָזן נעזעלע!   דריי זיך אײַן—אַ בייגעלע;
אייגעלע גרין-גלעזעלע,   אַליע ליוליע, שלאָף שוין אײַן,
ליב קעצעלע דו מײַן!

ארבעט. 106. שרײַב איבער דאָס ליד אַזוי, אַז עס זאָל זיך ריידן
ניט וועגן איין קעצעלע, נאָר וועגן עטלעכע קעצעלעך.

65

קומט דער האַרבסט, קומט דער האַרבסט —
שטייען ביימער גרייטע.
הענגען זייערע צווײַגעלעך
פול מיט עפּל רויטע.

לייען איבער די ערשטע צוויי שורות. וועגן וויפיל ביימער
רעדט זיך? ווי אַזוי וואָלטן מיר געזאָגט וועגן איינעם? ווי אַזוי
ושע ווערט געפורעמט די מערצאָל פון דעם זאַכוואָרט בוים?
לייען איבער די לעצטע צוויי שורות. וועגן וויפל עפּל
רעדט זיך? ווי אַזוי וואָלטן מיר געזאָגט וועגן איינעם? ווי אַזוי
ושע איז די מערצאָל פונעם זאַכוואָרט עפּל?

> די מערצאָל פון זאַכווערטער ווערט אָפטמאָל געפורעמט אי דורך אַן ענדערונג אינמיטן וואָרט אי דורך אַן ענדונג צום סוף וואָרט גלײַכצײַטיק.
> פאַראַן ווידער זאַכווערטער, וואָס זייער פאָרם בלײַבט אין מערצאָל אַזוי ווי אין איינצאָל.

ארבעט. 107. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

טישעלע — טישעלעך	קעסטעלע — קעסטעלעך
בעטעלע —	פּיסעלע —
עפּעלע —	הענטעלע —
באַרעלע —	שטיבעלע —
הײַזעלע —	מאַמעלע —

108. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

ייִנגל — ייִנגלעך	ביימל —
מיידל —	אייגל —
טישל —	קעלבל —
פערדל —	טעכטערל —
בערשטל —	שפּילכל —

109. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

נוס — ניס	טוך — טיכער
פוס —	הון —
קו —	גרוב —
זון —	רוט —
שוך —	בוך —

110. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

נאַסט — נעסט	פאַס — פעסער
נאַכט —	פּאַס —
וואַנט —	האַרץ —
גאַנדז —	האַלדז —
האַנט —	בלאַט —

קאָפּ — קעפּ	ראָד — רעדער
טאָג —	סאָד —
פּראָסט —	דאָרף —
קנאָפּ —	גלאָז —
שטאָט —	פּנים —

111. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

לײַב — לײַבער	הויז — הײַזער	בוים — ביימער
בעזעם —	בויך —	בוידעם —
װײַב —	מויל —	מויז — מײַז
ברעט —	ברויז —	לויז —

112. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל לויטן בײַשפּיל:

טיש — טישן	װינקל — װינקלען	תּלמיד — תּלמידים
שטול —	פּונק —	פּויער —
באַק —	נעזאַנג —	מכשיר —
בעט —	זאַנג —	
לאָמפּ —	שפּין —	

נאַר — נאַראָנים	מלך — מלכים
דאָקטאָר —	בגד —
קלעזמער —	דרך —
באַלעבאָס —	שקר —

ארבעט. 113. שרײַב אָן די זאַכװערטער אין מערצאָל:

פּאָטעד — פּאָטערס	קלייטניק — קלייטניקעס
מוטער —	פּלימעניק —
אויװן —	פּאַרקאַן — פּאַרקאַנעס
טינטער —	סטאָליער —
װאָלקן —	מוליער —

פלימעניצע — פלימעניצעם	סיבה — סיבות		
בריצטע —	שימחה —		
בלווע —	אלמנה —		
מומע —	יתומה —		
לאָפּעטע —	תלמידה —		

114. שרײַב אָן די זאַכווערטער אין מערצאָל:

ליכט — ליכט	אַרבעטער —	כּים — כּיסות
פיש —	שטיוול —	סוד — סודות
בריוו —	טעפל —	
פרײַנט —	הערינג —	
פערד —	פינגער —	

115. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ער.

116. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ן.

117. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ען.

118. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ס.

119. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -עס.

120. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ים.

121. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אויף -ות.

122. שרײַב אָן פינף זאַצן מיט זאַכווערטער אין מער־צאָל אָן אַ באַזונדער ענדונג.

123. זיך אויף פינף זאַכווערטער, וואָס אין מערצאָל זאָלן זיי האָבן אַ יוד, אין דער צײַט וואָס די איינ־צאָל האָט אַ וואָוו (ביישפיל: פוס — פיס).

124. זוך אויף פינף זאַכווערטער, וואָס ווייער מערצאָל זאָל האָבן אַן איַען אין דער צײַט וואָס די איינ־צאָל האָט אָ, און פינף זאַכווערטער, וואָס די מער־צאָל זאָל האָבן איַען, אין דער צייט וואָס די איינצאָל האָט אַ.

66

מ י ן.

דער טאַטע זיצט אין שטוב.

די מאַמע זיצט אין שטוב.

לייען איבער די זאַצן, צי קען מען זאָגן: „די טאַטע זיצט אין שטוב"? צי קענען מיר זאָגן: „דער מאַמע זיצט אין שטוב"?

לייען איבער די ווײַטערדיקע זאַצן:

דער ברודער זיצט אין שטוב.

די שוועסטער זיצט אין שטוב.

באַטראַכט, צי די ווערטער דער, די אין די צוויי זאַצן זײַנען ריכטיק געזאָגט.

ווי אַזוי דאַרף מען זאָגן:

דער טיש שטייט,	צי: די טיש שטייט?
דער ווינגער שלאָגט,	צי: די ווינגער שלאָגט?
דער רעגן גייט,	צי: די רעגן גייט?

גיב צו אין די ווייטערדיקע זאַצן דער, אָדער די, אַזוי ווי ס'איז אָנגענומען צו ריידן: —טיר איז אָפן. —עמער איז פול. —באַמעוואַר קאָכט. —שטוב איז ריין. —וואַנט איז הויך.

-שטערן שײַנט אין הימל. —זון איז העל. —שטיול איז נעראַם.
-שוך איז גרוים. —שטעקן איז לאַנג.

טראַכט צו עטלעכע זאַכווערטער וואָס מען זאָגט זיי מיט דער, און עטלעכע, וואָס מען זאָגט זיי מיט די.

די זאַכווערטער, וואָס מען גיט צו זיי צו דער, געהערן צום מענלעכן מין.
די זאַכווערטער, וואָס מען גיט צו זיי צו די, געהערן צום ווײַבלעכן מין.

67

ארבעס. 125. שרײַב אוים אין איין סלופיקל די זאַכווערטער פון מענלעכן מין, אין אַ צווייטן די זאַכווערטער פון ווייבלעכן מין.

דער אויוון.	די פלוים.	דער קאַם.	דער קוימען.
דער האַמער.	דער עפל.	די קו.	דער רויך.
די קאַפּאָטע.	די לימענע.	דער וואַלד.	דער פוס.
דער הונט.	די לבֿנה.	די לאָנקע.	די באַק.

126. שרײַב אוים פון דעם ליד באַזונדער די זאַכווערטער פון מענלעכן מין און באַזונדער די זאַכווערטער פון ווײַבלעכן מין:

דער ליבער זומער
איז אַוועק.
דער רעגן קאַפּעט
גאַנצע טעג.

דער ווינט דער נאַסער
בלאָזט, ס'איז קאַלט.
אַנטלויפט דער פויגל
פון דעם וואַלד.

פויגל, פויגל,
פלי מיט גליק!
געזונטערהייט נאָר
קום צוריק!

127. שרײַב אָן צען זאַכווערטער פון מענלעכן מין און צען פון ווײַבלעכן.

128. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צוואַנציק זאַכווערטער פון מענלעכן מין און צוואַנציק זאַכווערטער פון ווײַבלעכן מין.

68

דאָס ריטשקעלע.

מורמלט זיך אַ ריטשקעלע:
מור, מור...
וואַרפט מען אים אַ שטיינדעלע:
בור, בור...
קומט אַהער אַ ציגעלע —
הופ, הופ...
לאַרט דאָס אײַן דאָס ריטשקעלע:
זופ, זופ!
דאַנקט דערנאָך דאָס ציגעלע:
— מע, מע!
לאַכט מיט פרייד דאָס ריטשקעלע:
— כע, כע!
וואַרט דאָס נאָך, דאָס ריטשקעלע:
בליצט, בליצט.
קומט צו גיין דאָס פאַסטעכל —
זיצט, זיצט.

זופט ער מיט אַ שטרייעלע —
טריף, טריף.
כאַפּט ער באַלד דאָס פּיפּעלע —
פּיף, פּיף...

קוקט זיך צו צו די ווערטער אין דעם ליד, וועלכע זיינען געדרוקט שיטערער.

חוץ דעם מענלעכן און דעם ווייבלעכן מין איז נאָך דאָ דער נייטראַלער מין. צום נייטראַלן מין געהערן די ווערטער, וואָס מען גיט צו זיי צו דאָס. יעטווידער זאַכוואָרט געהער צו איינעם פון די דריי מינים: צום מענלעכן, ווייבלעכן אָדער נייטראַלן.

69

פאַרקלענער־פאָרמען.

לאַכט מיט פרייד דאָס ריטשקעלע.
קומט צוגיין דאָס פּאַסטעכל.

פאַרגלייך די ווערטער ריטשקע און ריטשקעלע. וואָס פאַר אַ ריטשקע מיינט מען, בשעת מען זאָגט „ריטשקעלע"?

פאַרגלייך די ווערטער פּאַסטעך און פּאַסטעכל. וואָס פאַר אַ פּאַסטעך מיינט מען, בשעת מען זאָגט „פּאַסטעכל"?

ווי אַזוי קען מען זאָגן אָנשטאָט „קליינער טיש"? אָנשטאָט „קליינע שטוב"? טראַכט אַליין צו עטלעכע ווערטער, וואָס זיי זאָלן באַצייכענען, אַז די זאַך, וועגן וועלכער מען רעדט, איז קליין. וואָס האָסטו צוגעגעבן צום סוף וואָרט, כּדי מען זאָל פאַרשטיין, אַז די זאַך איז קליין?

ווען מען וויל באַצייכענען, אַז אַ זאַך איז קליין, גיט מען צו צום זאַכוואָרט די ענדונג ־ל אָדער ־עלע.

אַזעלכע זאַכווערטער מיטן באַטײַט פון קליינקייט הייסן פאַרקלענער־פאָרמען.

דער טיש איז גרויס. דאָס טישעלע איז קליין. דער בוים בליט. דאָס ביימעלע בליט. די שוועסטער רופט. דאָס שוועסטערל רופט. די קאַץ האָט געכאַפּט דעם פויגל. דאָס קעצל האָט געכאַפּט דעם פויגל. דאָס קינד וויינט. דאָס קינדעלע וויינט. דער קאָפּ טוט אים וויי. דאָס קעפּל טוט אים וויי.

די פאַרקלענער־פאָרמען זײַנען שטענדיק פון נייטראַלן מין.

70 *

ארבעס. 129. שרײַב אָן די ווײַטערדיקע ווערטער אין דער פאַר־קלענער־פאָרם:

די טיר — דאָס טירל   די שיף — דאָס שיפל, דאָס שיפעלע
די ווײַט —   דער פיש —
דער עפּל —   די שייד —
דאָס ליבט —   דער קישן —
דער צוויַיג —   די וועלט —
דער ווינט —

דאָס פּאַפּיר — דאָס פּאַפּירל, דאָס פּאַפּירעלע
דאָס קלייד —
די שער —
דער שוך —
די פוּר —

דער טיש — דאָס טישל, דאָס טישעלע
די קלייט —
דאָס פעלד —
דאָס בוך —
דאָס הויז —

130. שרייב אָן די ווייטערדיקע זאַכווערטער אין דער פאַר־קלענער־פאָרם און באַצייכן דעם מין:

דער פאָטער —	דער פענצטער —
די מוטער —	דער פּאַסטעך —
די שוועסטער —	דער רעטעך —
דער ברודער —	דער שירעם —
דער קאַנאַריק —	דער שניידער —
דער מעקער —	דער שוסטער —
דער ווערוויק —	דער אַרבעס —
דער הערינג —	דער ציגיינער —

ביישפּיל: דער פאָטער — דאָס פאָטערל.

131. שרייב אָן די ווייטערדיקע זאַכווערטער אין דער פאַר־קלענער־פאָרם און באַצייכן דעם מין:

דער קאָפּ — דאָס קעפּל, דאָס קעפּעלע
דער טאָפּ —
די שטאָט —
די נאָז —
דער דראָט —

די פלאַם — דאָס פלעמל, דאָס פלעמעלע
דאָס ברויט —
דער טאַץ —
די קאַץ —
דער קאַם —

דער פיס — דאָס פיסל, דאָס פיסעלע
די נוס —
דער לאָמפּ —
דער הונט —
די גרוב —

די מויז — דאָס מײַזל, דאָס מײַזעלע
דאָס הויז —
דאָס אויג —
די מויד —
דער שטויב —

132. שרײַב אָן די ווײַטערדיקע זאַכווערטער אין דער פאַר־קלענער־פאָרם און באַצייכן דעם מין:

דער בוים — דאָס ביימדל, דאָס ביימדעלע
דער זון —
דער האָן —
די הון —
די מאַשין —
די באַן —

דאָס מולי — דאָס מײַלכל, דאָס מײַלכעלע
די זײַל —
דער שטאַל —
די פעל —
דער שטראַל —
דער קוואַל —

71

מערצאָל פון אַרטיקל.

דער טיש איז געדעקט — די טישן זיינען געדעקט.
די באַנק איז צעבראָכן — די בענק זיינען צעבראָכן
דאָס בוך געפעלט מיר — די ביכער געפעלן מיר.

פאַרגלייך די דריי זאַצן אין איינצאָל און מערצאָל. טיש איז פון מענלעכן מין („דער"), באַנק פון ווייבלעכן מין („די"), בוך פון נייטראַלן מין („דאָס"). צי איז אין מערצאָל אויך פאַראַן אַ סימן פון מין?

די ווערטער **דער, די, דאָס**, וואָס באַשטימען דעם מין פון די זאַכווערטער, הייסן **אַרטיקל**. אין איינצאָל איז פאַראַן פאַר יעדן מין אַ באַזונדערער אַרטיקל **דער, די, דאָס**; אין מערצאָל קומט ביי זאַכווערטער פון אַלע דריי מינים דער אַרטיקל **די**.

אַרבעט. 133. שרייב אָן די ווייטערדיקע זאַכווערטער מיטן געהעריקן אַרטיקל אין איינצאָל און מערצאָל:

פאָטער. מוטער. טישל. שוועסטער. פעטער. הענטל. ביכל. ברודער. מומע. קאַץ. קאָפּ. באָרד. בערדל.

72

דער אַרטיקל „אַ".

אין עסצימער שטייט אַ טיש.
דער טיש איז געדעקט.

איך האָב אַ קאַץ
די קאַץ איז אַ ווייסע.

איך לייען אַ בוך
דאָס בוך געפעלט מיר.

פאַרגלייך אין דעם ערשטן און דעם צווייטן זאַץ פון אַלע דריי זאַצפּאָרלעך די אויסגעטיילטע ווערטער.

> **אַחוץ ד ע ר, ד י, ד אָ ס איז נאָך פאַראַן דער אַרטיקל אַ.**
> ביי „דער, די, דאָס" איז דער מין באַשטימט; ביי „אַ" איז דער מין אומבאַשטימט.
> „דער", „די", דאָס" רופט מען ב אַ ש ט י מ ט ע ר אַרטיקל;
> „אַ" רופט מען א ו מ ב אַ ש ט י מ ט ע ר אַרטיקל.

אין עסצימער שטייט אַ טיש דער טיש איז געדעקט	אין עסצימער שטייען טישן די טישן זיינען געדעקט
ביי אונז איז פאַראַן אַ קאַץ די קאַץ איז אַ ווייסע	ביי אונז זיינען פאַראַן קעץ די קעץ זיינען ווייסע.
אויפן טיש ליגט אַ בוך דאָס בוך געפעלט מיר	אויפן טיש ליגן ביכער די ביכער געפעלן מיר.

פאַרגלייך די שורות רעכטס און לינקס. ווי אַזוי איז די מערצאָל פון אַ ט י ש, אַ ק אַ ץ, אַ ב ו ך?

> **אין מערצאָל קומט ניט קיין אומבאַשטימטער אַרטיקל.**

אַרבעט. 134. שרייב אָן די ווייטערדיקע זאַכווערטער אין מערצאָל:
אַ הונט. אַ שטול. אַ הויז. אַ הון. אַ באַרג. אַ מיידל.
אַ בוך. אַ יינגל. אַ קאָפּ. אַ הוט. אַ טרעפּ.

73

אַ, אַן.

I. דער טיש—אַ טיש. די באַנק — אַ באַנק. דאָס קינד— אַ קינד.

II. דער אַלמער—אַן אַלמער. דער אָדלער — אַן אָדלער. די אוגע־קע — אַן אוגערקע. דער איבערגאַנג — אַן איבערגאַנג. דער עמער — אַן עמער. דער אויער — אַן אויער. דער איידעם — אַן איידעם. דער אײַנפאַל — אַן אײַנפאַל.

באַמערק, ווי אַזוי עס זעט אוים דער אומבאַשטימטער אַרטיקל אין דער צווייטער גרופּע ווערטער.

פאַר אַן אַליינהילכער איז דער אומבאַשטימטער אַרטיקל ניט אַ, נאָר אַן.

74

אַרבעט. 135. שרייב אָן די ווײַטערדיקע ווערטער מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל אין איינצאָל און אין מערצאָל:

שטאַל, הונט, קאַץ, נוס, שוך, שטאָט, טאָפּ, שפּאַרבער, שוועסטער, טויב, רעטעך, אָדלער, פענצטערל, טישל, אַרבעס, שנײַדערין, קעבין, קיניג, אַרבעטער.

136. שרייב אָן די ווייטערדיקע ווערטער מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל (איינצאָל און מערצאָל):

עמער, אייזל, אויוון, טינטער, הענטל, פּילקע, אויג, קעסטעלע, אומעט, אָל, פערדל. אָרעמאַן, ענטל, יאָר, הון, אייל, עיקר־זאַך, פאַרזאַמלונג, רעזאָלוצע.

137. שרייב אוים פון דיין לייענבוך צוואַנציק זאַכווערטער מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל.

138. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צוואַנציק זאַכווערטער מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל.

139. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך צען זאַכווערטער מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל אַן.

140. דערמאָן זיך און פאַרשרײַב צען זאַכווערטער מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל דער, צען מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל די. און צען זאַכווערטער מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל דאָס.

141. דערמאָן זיך און פאַרשרײַב צען זאַכווערטער מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל אַ און 10 זאַכווערטער מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל אַן.

75

בײַגפאַלן.

1. די שוועסטער איז געווען אין שטוב.
2. דער שוועסטערס האָר זײַנען שוואַרץ.
3. איך האָב געגעבן דער שוועסטער מײַן העפט.
4. איך האָב ליב די שוועסטער.

באַמערק, ווי אַזוי דאָס וואָרט „שוועסטער" צוזאַמען מיטן אַרטיקל באַנײַגט זיך אין די פיר זאַצן:

1. די שוועסטער.
2. דער שוועסטערס.
3. דער שוועסטער.
4. די שוועסטער.

דאָס זײַנען די פיר בייגפאַלן פון דעם וואָרט שוועסטער, אַזוי רופט מען זיי טאַקע: ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער בייגפאַל.

מיט וואָס איז דער צווייטער, דריטער, פערטער בייגפאַל אַנדערש ווי דער ערשטער?

ווי אַזוי האָט זיך אין צווייטן פאַל געביטן דער אַרטיקל? צי איז צוגעקומען אַן ענדונג צום זאַכוואָרט?

ווי אַזוי איז אין דריטן פאַל דער אַרטיקל? צי איז דאָ אויך צוגעגעבן אַן ענדונג צום זאַכוואָרט?

ווי אַזוי איז אין פערטן פאַל דער אַרטיקל? צי איז דאָ צוגעקומען אַן ענדונג צום זאַכוואָרט?

בײַ די זאַכווערטער פון ווײַבלעכן מין איז דער פערטער פאַל גלײַך צום ערשטן.

צי קען מען זאָגן: דער שוועסטערס איז געווען אין שטוב?
צי קען מען זאָגן: די שוועסטער האָר זײַנען שוואַרץ?

ארבעט. 142. שטעל צו דאָס וואָרט לערערין אין די ווײַטערדיקע זאַצן:

1. די   לערנט מיט אונדז.
2. דאָס איז דער   בוך.
3. גיב דער   דײַן העפט.
4. איך האָב געטראָפן די   אין גאַס.

143. אָנשטאָט דעם וואָרט „לערערין" שטעל אַרײַן אין די זאַצן פון דער אַרבעט 142 די ווײַטערדיקע ווערטער: פרוי, מוטער, פלימעניצע, שנײַדערקע, באַלעבאָסטע.

144. שרײַב אָן אין כלופיקלעך אַלע פיר בייגפאַלן פון די ווײַטערדיקע זאַכווערטער צוזאַמען מיטן באַשטימטן אַרטיקל:

יידענע, חברטע, פרײַנדין, נייטאָרין, תּלמידה, טאָכטער.

76

בייגפאַלן.

1. דאָס קינד איז געווען אין שטוב.
2. דעם קינדס האָר זיינען שוואַרץ.
3. איך האָב געגעבן דעם קינד מיין העפט.
4. איך האָב ליב דאָס קינד.

באַמערק, ווי אַזוי דאָס וואָרט „קינד" צוזאַמען מיטן אַרטיקל באַגעגנט זיך אין די פיר זאַצן:

1. דאָס קינד.
2. דעם קינדס.
3. דעם קינד.
4. דאָס קינד.

דאָס זיינען די פיר בייגפאַלן פון דעם וואָרט קינד ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער בייגפאַל.

מיט וואָס איז דער צווייטער אַנדערש ווי דער ערשטער? ווי אַזוי איז דער צווייטער בייגפאַל? ווי אַזוי איז דער פערטער בייגפאַל?

> ביי די זאַכווערטער פון נייטראַלן מין איז דער פערטער בייגפאַל (פונקט ווי ביים ווייבלעכן מין) גלייך צום ערשטן.

אַרבעט. 145. שרייב אָן אין סלופּיקלעך אַלע פיר בייגאַפלן פון די ווייטערדיקע זאַכווערטער צוזאַמען מיטן באַשטימטן אַרטיקל:

דאָס פערד, דאָס פייגעלע, דאָס בלאַטערל, דאָס מענטשעלע, דאָס חיהלע.

אַרבעט. 146. שטעל צו דאָס וואָרט פּיקסל און די ווייטערדיקע וואַצן:

1. דאָס איז אַוועק צום טײַך.
2. דעם עק איז צוגעפרוירן צום אײַז.
3. דעם איז אַ שאָד געווען צו פאַרלירן אַ פּאָר הערעלעך]
4. דער וואָלף האָט געראַטעוועט דאָס

147. אָנשטאָט דעם וואָרט „פּיקסל" שטעל אַריין אין די וואַצן פון דער אַרבעט 146 די ווערטער:
דאָס קעצל, דאָס הינטל, דאָס שעפּעלע.

77

בײַגפאַלן.

1. דער ברודער איז געווען אין שטוב.
2. דעם ברודערס האָר זײַנען שוואַרץ.
3. איך האָב געגעבן דעם ברודער מײַן העפט.
4. איך האָב ליב דעם ברודער.

באַמערק, ווי אַזוי דאָס וואָרט „ברודער" צוזאַמען מיטן אַרטיקל באַגעגנט זיך אין די פיר וואַצן:

1. דער ברודער.
2. דעם ברודערס.
3. דעם ברודער.
4. דעם ברודער.

דאָס זײַנען די פיר בייגפאַלן פון דעם וואָרט ברודער:
ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער בייגפאַל.

מיט וואָס איז דער ערשטער בייגפאַל אַנדערש ווי דער
ערשטער? ווי אַזוי איז דער דריטער בייגפאַל? דער פערטער?

ביַי די זאַכווערטער פון מענלעכן מין איז דער פער- טער פאַל גלײַך צום דריטן.

אַרבעט. 148. שרײַב אָן אין סלופיקלעך אַלע פיר בייגפאַלן פון
די ווײַטערדיקע זאַכווערטער צוזאַמען מיטן באַ-
שטימטן אַרטיקל:

פאָטער, מחותן, איידעם, פלימעניק, גיבור, העלד.

78

בייגונג פון מערצאָל.

1. די ברידער
די שוועסטער ⎬ זײַנען געווען אין שטוב.
די קינדער

2. די ברידערס
די שוועסטערס ⎬ האָר זײַנען שוואַרץ.
די קינדערס

3. איך האָב געגעבן ⎨ די ברידער
די שוועסטער ⎬ מײַן העפט.
די קינדער

4. איך האָב ליב { די ברידער. / די שוועסטער. / די קינדער.

אָט דאָס זײַנען די פיר בייגפאַלן פון די ווערטער: דער ברודער, די שוועסטער, דאָס קינד אין מערצאָל:

.1	די ברידער	די שוועסטער	די קינדער
.2	די ברידערס	די שוועסטערס	די קינדערס
.3	די ברידער	די שוועסטער	די קינדער
.4	די ברידער	די שוועסטער	די קינדער

אין מערצאָל ווערן די זאַכווערטער פון אַלע דרײַ מינים געבויגן אויף איין אופן: דער ערשטער, דריטער און פערטער פאַל זײַנען גלײַך צווישן זיך.

79

פּרט־נעמען

ווען איך רייד וועגן דער שטאָט ווילנע, קען איך זאָגן:

1. די שטאָט איז גרויס.
2. ווילנע איז גרויס.

צי זײַנען די אויסדרוקן אין ביידע זאַצן די זעלבע? צי איז דער פּשט פון ביידע זאַצן אויך אַן אַנדערער?

פאַרגלײַך ווײַטער דאָס וואָס איך זאָג וועגן מײַן ברודער חיימען:

1. דער ברודער האָט מיר געבראַכט אַ מתּנה.
2. חיים האָט מיר געבראַכט אַ מתּנה.

פאַרגלײַך נאָך:
דער שרײַבער האָט אָנגעשריבן „דאָס מעסערל“.
שָלום־עלֵיכם האָט אָנגעשריבן „דאָס מעסערל“.

זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען אַ גאַנצע ריי ענלעכע זאַכן, רופט מען כּלַל־נעמען.
זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען געוויסע איינציקע זאַכן, וועלכע מיר ווילן אויסטיילן פון אַנדערע ענלעכע, רופט מען פּרַט־נעמען.

אַרבעט. 149. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן און שטרײַך אונטער די כּלַל־נעמען איין מאָל, די פּרַט־נעמען צוויי מאָל:

זיבעלע איז אַראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בלומען. אין גאָרטן האָט זי געטראָפן איר חַברטע בלומע. דער קלאַס האָט באַשלאָסן, אַז חַיים זאָל טראָגן די פאָן. קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן וואַרעמען ליכטיקן נאָך־פּסח, ווי איך, פּייסע דעם חַזנס ייִנגל, מאָטל, און דעם שָכנס קעלבל, וואָס מען רופט דאָס מעני.

150. שרײַב איבער דאָס ליד און שטרײַך אונטער די פּרַטנעמען.

די מישפָּחה.

מיך רופט מען זַלמן,
דער טאַטע הייסט קַלמן
מײַן ברודער הייסט זָרח,
דער זיידע הייסט בָּרוך,

די מומע הייסט קײלע,
די שוועסטער הייסט ביילע,
דאָס פערדל הייסט סירקע,
דאָס קעצל הייסט מירקע,
די באָבע הייסט יאָכע, —
די גאַנצע מישפּחה.

80

בייגונג פון פּרַט-נעמען.

1. דער ברודער לערנט מיט מיר.
מֵאיר לערנט מיט מיר.

2. דעם ברודערס בוך געפעלט מיר.
מֵאירס בוך געפעלט מיר.

3. איך גיב דעם ברודער דאָס העפט.
איך גיב מֵאירן דאָס העפט.

4. איך האָב ליב דעם ברודער.
איך האָב ליב מֵאירן.

קוק זיך אײַן אין די ערשטע און די צווייטע שורות פון יעדן זאַץ-פּאָרל. צי איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער בייגונג פון די כּלַל-נעמען און פון די פּרַט-נעמען? אין וועלכע בייגפאַלן איז פאַראַן דער אונטערשייד? אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד?

שטעל אַוועק אין די ערשטע שורות פון אַלע פיר זאַץ-פּאָרלעך דאָס וואָרט שוועסטער, אין די צווייטע שורות דאָס וואָרט אֶסתּר. צי איז דאָ אויך פאַראַן אַן אונטערשייד אין

דער בייגונג פון די כּלל־נעמען און פּרט־נעמען? אין וועלכע ביינ־
פאַלן? אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד?

פאַרגלייַך די וויַיטערדיקע זאַץ־פּאָרלעך:

1. דאָס קעלבל איז געווען צופרידן.
מעני איז געווען צופרידן.

2. דעם קעלבלס פרייד איז גרויס.
מענים פרייד איז גרויס.

3. מען האָט דעם קעלבל געגעבן עסן.
מען האָט מענין געגעבן עסן.

4. מען האָט דאָס קעלבל אַוועקגעפירט אין פעלד.
מען האָט מענין אַוועקגעפירט אין פעלד.

קוק זיך איַין אין די ערשטע און צווייטע שורות פון יעדן זאַץ־פּאָרל. צי איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער בייגונג פון די כּלל־נעמען און די פּרט־נעמען? אין וועלכע בייגפאַלן? אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד?

פּרט־נעמען, וואָס באַצייכענען מענטשן אָדער בעלי־חיים, האָבן אין דריטן און פערטן בייגפאַל אַ באַזונדערע פאָרם, וואָס ענדיקט זיך אויף ־ן. פּרט־נעמען בייגן זיך בדרך־כּלל אָן דעם אַרטיקל. פּרט־נעמען בייגן זיך נאָר אין איינצאָל.

אַרבעט. 151. בייג לויטן מוסטער פון מאיר, אסתּר, מעני אין אַלע פיר בייגפאַלן:
רחל, אַברהם, מיכל, דבורה, חנה.

152. טראַכט צו 4 זאַצן, ווו ס'זאָלן זיך באַנוצן אַלע בייגפאַלן פון די ווערטער פון דער אַרבעט 151.

153. באַשטימט די בײַנפאַלן פון די פּרט=נעמען אין די ווײַטערדיקע זאַצן:

פּרץ פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור. פּרצעס ווערק לערנט מען אין אַלע אונדזערע שולן. פּרצן פלעגן אַ סך שרײַבער ווײַזן זייערע ווערק פאַרן דרוקן. פּרצן האָט מען זייער ליב געהאַט. שָלום=עליכם האָט זיך אַליין אָנגערופן מענדעלעס איייניקל. האָסט געלייענט רייזענען?

81 *

אכט זאַכווערטער.

וואָס זאָגט איר אויף דעם ייִדנס אײַנפאַל? מיט דעם מענטשן איז ניט אויסצוהאַלטן. הערשעלע האָט זיך געלערנט בײַם רבין אין חדר. איך גיי שפּאַצירן מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען און מיטן ייִדן. רויטהיטעלע האָט אַוועקגעטראָגן לאָבונג פאַר דער באָבען. דער מומען געפעלט ניט מײַן זינגען.

1. דער טאַטע
2. דעם טאַטנס
3. דעם טאַטן
4. דעם טאַטן

> אַזוי ווי טאַטע ווערן געבויגן אויך ייִד, מענטש, זיידע, רבי.

1. די מאַמע
2. דער מאַמעס
3. דער מאַמען
4. די מאַמע

> אַזוי ווי מ אַ מ ע ווערן געבויגן אויך ב אָ ב ע, מ ו מ ע.
> אין דריטן בייגפאַל פון די דאָזיקע ווערטער דאַרף
> מען פאַרן נון שרײַבן אין אַײען.

אַרבעט. 154. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטעל אַוועק די אײַנגערינגלטע ווערטער אין דעם נע־העריקן בייגפאַל:

איך האָב געזען דעם (זיידע). זי האָט גערעדט מיט דער (מומע). וועמען האָסטו מער ליב: דעם (טאַטע) אָדער די (מאַמע)? דער תּלמיד איז אַוועק צו אַן אַנדער (רֶבּי). איך האָב דערקענט די (באָבע) פונדערווײַטנס. איידער מען דערקענט דעם (מענטש) מוז מען מיט אים אויפעסן אַ שעפל זאַלץ. וואָס האָסטו געוואָלט פון דעם (ייִד)?

82

אונדזער שול.

אונדזער קלאַס געפינט זיך אין אַ גרויסן צימער אויף דעם דריטן גאָרן. כּמעט דער גאַנצער צימער איז אָנגע־שטעלט מיט בענק; פאָרנט שטייט אַ טישל מיט אַ שטול

פאַר דעם לערער. הינטער דעם טישל שטייט אַ טאָוול. אַנטקעגן דער טיר הענגט פּרצעם בילד.

באַמערק די ווערטער: אין, אויף, מיט, פאַר, הינ־טער, אַנטקעגן. אַזעלכע ווערטער רופט מען פאָרווער־טער; מען נוצט זיי ניט אַליין פאַר זיך, מען שטעלט זיי נאָר צו צו אַנדערע ווערטער.

פאַראַן נאָך אַ סך פאָרווערטער; אָט זיינען עטלעכע פון זיי: אויבער, אונטער, איבער, אָנשטאָט, ביי, וועגן, פון, צווישן, צוליב.

ארבעט. 155. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטרייך אונטער די פאָרווערטער:

דאָס הויז שטייט אויף דער ערד. מיר זיינען געווען ביי דער יידענע. דערלאַנג מיר דעם טעלער פון דער שאַפע. ער האָט אַ שם פאַר דעם בעסטן בעל־מלאָכה. מיר לויפן האַסטיק אַהיים מיט די מתנות. ער איז אַוועק מיט דער ציג אַהיים.

אַלע פאָרווערטער פאָדערן צו זיך דעם דריטן בייגפאַל.

83

פאַרקירצטער אַרטיקל.

אויף דעם דריטן גאָרן = אויפן דריטן גאָרן.

פאַר דעם לערער = פאַרן לערער.

אונטער דעם טישל = אונטער־ן טישל.

אין דעם ביכל	= אינעם ביכל.
פון דעם אַלמער	= פונעם אַלמער.
צו דעם ברודער	= צום ברודער.

פאַרגלײַך די ווערטער אין דעם רעכטן און אין דעם לינקן סלופּיקל:

אויף דעם — אויפֿן
פֿאַר דעם — פֿאַרן
אונטער דעם — אונטערן

מיט וואָס שײדט זיך אונטער דאָס לינקע סלופּיקל פֿון דעם רעכטן? צי שיידט זיך עס אונטער ווי עס איז אין טײַטש אויך?

> פּאָרווערטער, וואָס שטייען פֿאַר זאַכווערטער פֿון מענלעכן אָדער נייטראַלן מין, קענען זיך טיילמאָל צונויפֿגיסן מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל, וואָס געהער צום דעם דאָזיקן זאַכוואָרט. דער טײַטש פֿון די ווערטער בלײַבט דערבײַ דער זעלבער.
>
> באַמערק די שרײַבונג: פֿונעם, אינעם.

156. **אַרבעט.** שרײַב איבער ווײַטערדיקע זאַצן און מאַך ווי איבער אַזוי, אַז אָנשטאָט די צונויפֿגעגאָסענע פֿאָרמען פֿון פּאָרוואָרט און אַרטיקל זאָלן שטיין די פֿולע פֿאָרמען לויטן מוסטער:

איך בין געגאַנגען צַהיים מיטן טאַטן — איך בין געגאַנגען אַהיים מיט דעם טאַטן.

איך בין געווען בײַם דאָקטאָר. פֿאַרוואָס ביסטו ניט געווען אויפֿן שפּאַציר? לויף באַלד אַוועק צום לערער. די פּאָרווערטער קענען זיך צונויפֿגיסן מיטן באַשטימט

אַרטיקל. מאַך די גאַנצע אַרבעט לויטן ערשטן בײַשפּיל. שלום=עליכם האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס הייסט: „פונעם יאַריד".

אַרבעט. 157. מאַך איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אַזוי, אַז אָנשטאָט די פולע פאָרמען פון פאָרוואָרט און אַרטיקל זאָלן שטיין די צונויפגעגאָסענע לויטן בײַשפּיל:

אויף דעם פרי=עטשיק ברענט אַ פײַערל — אויפן פרי=עטשיק ברענט אַ פײַערל.

ער האָט אַ שֵׂם פאַר דעם בעסטן בַּעל=מלאָכה. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם דאָקטאָר. בײַ דעם טײַך, פון בײדע ברעגן, זײַנען שטיבלעך פיל געלעגן. נאָך דעם זומער קומט דער ווינטער. אויף דעם דעכל ליגט אַ קעצל. איך בין אַראָפּגעקראָכן פון דעם בוים. פֶּסח איז מאָטל אַרוים אין דעם נײַעם בֶּגד. עס וועט זײַן אַ סוף צו דעם פראָסט און צו דעם שטורעם.

84 *

רצטער אַרטיקל.

איך בין געגאַנגען מיט דער שוועסטער. ער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד. אין דער אָזערע שווימען פיש. זי איז אָפּגעוועזן בײַ דער באָבען דרײַ שָׁעה.

צי קען מען זאָגן: איך בין געגאַנגען מיטן שוועסטער?

צי קען מען זאָגן: ער איז אויפגעשטאַנען פונעם ערד?

דאָס פאָרוואָרט גיסט זיך צונויף נאָר מיטן וואָרט דעם, דאָס הייסט מיטן אַרטיקל פון דעם מענלעכן און נייטראַלן מין.

מען דאַרף דעריבער זאָגן און שרייַבן:

ער וווינט הינטער דער שטאָט (ניט: הינטערן).

דער טאַטע ניט אַ מאַך מיט דער האַנט (ניט: מיטן).

איך שפּיל זיך אויף דער גאַס (ניט: אויפן).

חיים גליטש זיך איבער דער פּאָדלאָגע (ניט: איבערן).

אַרבעט. 158. שטעל אַוועק די איינגערינגלטע ווערטער אין דעם דריטן בייגפאַל:

ער שטייט ביי (די וואַנט). ער איז אַריבערגעלאָפן איבער (די גאַס). דער נאָענטסטער וועג צו אונדז איז דורך (די לאָנקע). דער בית־מדרש שטייט הינטער (די שול). ער איז צוגעגאַנגען ביז (די טיר).

85

פּאָרווערטער און אַרטיקל.

נעכטן בין איך אַרויס פון שטוב אַכט אַ זייגער אינדערפרי. אַרום טויער קלייַבן זיך מענטשן. הייַנט קומט פאָר ביי אונדז אין שול דער סיום. אַנטקעגן טעאַטער שטייען נאָך צוויי גרויסע בנינים. אין שטאָט איז לעבעדיק.

פאַרגלײַך:

פון שטוב	— פון דער שטוב.
אַרום טויער	— אַרום דעם טויער.
אין שול	— אין דער שול.
אַנטקעגן טעאַטער	— אַנטקעגן דעם טעאַטער.
אין שטאָט	— אין דער שטאָט.

טײלמאָל קען דער באַשטימטער אַרטיקל נאָך אַ פּאָר־וואָרט אַרויספאַלן אינגאַנצן. דער טײַטש פון די ווערטער בלײַבט דערבײַ דערזעלבער.

86 •

אונטער, הינטער.

דער צווייטער גאָרן איז אונטערן דריטן, דער ערשטער איז אונטערן צווייטן. פאַרוואָס שטייסטו עפּעם הינטער דער טיר? ווי לאַנג קען אַ גוטער שווימער בלייבן אונטערן וואַסער? איך וועל גיין פאָראויס, און דו וועסט גיין הינטער מיר. לאָמיר גיין הינטערווײַלעכטס. דער שנײַדער האָט צוגענייט דעם אונטערשלאַק.

באַמערק די שרײַבונג און דעם באַטייט פון אונטער און הינטער.

אונטער און הינטער זיינען צוויי באַזונדערע פּאָרווערטער, כאָטש אין ריידן קלינגען זיי אָפּטמאָל גלייך.
אונטער הייסט נידעריקער פון עפּעס, דער היפוך דערפון איז איבער.
הינטער הייסט ווייטער פון עפּעס, דער היפוך דערפון איז פאַר.

ארבעט. 159. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל צו אונטער צו דער הינטער:

— דעם הויז איז פאַראַן אַ גרויסער גאָרטן. — דעם הויז איז פאַרגראָבן אַן אוצר. קליינע קינדער האָבן ליב צו קריכן — ן טיש. דער שניי קנאַקט — די פיס. די בענק אין קלאַס שטייען איינע — דער אַנדערער. — דער שטוב איז אַ שטאַל. — דער שטוב איז אַ קעלער.

ארבעט. 160. נעם אַ בוך און אַ העפט און ווייז באַשיינפּערלעך
דאָס בוך ליגט אונטערן העפט.
דאָס בוך ליגט הינטערן העפט.

161. ווייז באַשיינפּערלעך:
דאָס בענקעלע שטייט אונטערן טיש.
דאָס בענקעלע שטייט הינטערן טיש.

87

צווייטער בייגפאַל.

חיימס פוס איז שוין געזונט. דעם יינגלס פּייַף האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שטוב. דעם קינצנמאַ-בערס רייף האָט זיך צעבראָכן.

מיר זאָגן: חיימס פוס. צי וועלן מיר אויך זאָגן: דעם טישלס פוס איז צעבראָכן, דער שאַפעס פוס איז פאַרריכט? ווי אַזוי וועלן מיר זאָגן אָנשטאָט דעם?

מיר זאָגן: דעם יינגלס פּײַף. צי וועלן מיר אויך זאָגן: דעם ווינטס פּײַף? ווי אַזוי וועלן מיר זאָגן אָנשטאָט דעם?

מיר זאָגן: דעם קונצנמאַכערס רייף. צי וועלן מיר אויך זאָגן: דעם פעסעלעס רייף? ווי אַזוי וועלן מיר זאָגן אָנשטאָט דעם?

חיים, יינגל, קונצנמאַכער זײַנען זאַכווערטער; טישל, שאַפע, פעסעלע זײַנען אויך זאַכווערטער; טאָ וואָס איז דער אונטערשייד?

גיב אַ קלער, וועלכע פון די דרײַ זאַכווערטער באַצייכענען באַלעבטע זאַכן און וועלכע דרײַ זאַכווערטער באַצייכענען ניט באַלעבטע זאַכן.

זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען ניטבאַלעבטע זאַכן, האָבן בדרך־כּלל ניט קיין צווייטן בייגפאַל; אָנשטאָט דעם ווערט גענוצט דעם דריטער בייגפאַל פון דעם זעלבן וואָרט מיטן פאָרוואָרט פון.

בײַ אונדז אין שטוב זײַנען פאַראַן די ווערק פון שלום־עליכמען = בײַ אונדז אין שטוב זײַנען פאַראַן שלום־עליכמס ווערק.

דאָס הויז פון זײַן ברודער געפעלט מיר זייער = זײַן ברודערס הויז געפעלט מיר זייער.

דאָס בוך פון מײַן חבר האָב איך שוין איבערגעלייענט = מײַן חברס בוך האָב איך שוין איבערגעלייענט.

בײַ זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען באַלעבטע זאַכן, איז בעסער צו באַנוצן דעם צווייטן בייגפאַל איידער דעם דריטן בייגפאַל, מיטן פאָרוואָרט פון.

88

בייגונג אין איינצאָל און מערצאָל.

באַלעבטע זאַכן

איינצאָל

מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	נייטראלער מין
1. דער ברודער	1. די שוועסטער	1. דאָס קינד
2. דעם ברודערס	2. דער שוועסטער	2. דעם קינדס
3. דעם ברודער	3. דער שוועסטער	3. דעם קינד
4. דעם ברודער	4. די שוועסטער	4. דאָס קינד

מערצאָל

מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	נייטראלער מין
1. די ברידער	1. די שוועסטער	1. די קינדער
2. די ברידערס	2. די שוועסטערס	2. די קינדערס
3. די ברידער	3. די שוועסטער	3. די קינדער
4. די ברידער	4. די שוועסטער	4. די קינדער

אומבאַלעבטע זאַכן

איינצאָל

מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	נייטראלער מין
1. דער טיש	1. די באַנק	1. דאָס בוך
2. —	2. —	2. —
3. דעם טיש	3. דער באַנק	3. דעם בוך
4. דעם טיש	4. די באַנק	4. דאָס בוך

מערצאָל

מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	נייטראלער מין
1. די טישן	1. די בענק	1. די ביכער
2. —	2. —	2. —
3. די טישן	3. די בענק	3. די ביכער
4. די טישן	4. די בענק	4. די ביכער

וואָס פאַר אַ ביינונג האָבן די זאַכווערטער אין מערצאָל?

קוק זיך איַין באַזונדער אין די זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען באַלעבטע זאַכן, און אין די זאַכווערטער וואָס באַצייכענען אומבאַלעבטע זאַכן.

פאַר וואָסער פאַל האָבן אַ ספּעציעלע מערצאָל־פאָרם די זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען באַלעבטע זאַכן?

צי האָבן די זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען אומבאַלעבטע זאַכן, אויך וועלכע עס איז ספּעציעלע פאָרמען פון ביינפאַל אין מערצאָל?

טאָ לויט וואָס דערקענט מען דאָ דעם ביינפאַל?

זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען אומבאַלעבטע זאַכן, האָבן גיט קיין שום ספּעציעלע ביינפאַל־פאָרמען אין מערצאָל, און אויך דער אַרטיקל זייערער בייַט זיך ניט.

אויב אַ זאַכוואָרט האָט ניט קיין ספּעציעלע פאָרם פאַר וועלכן עס איז ביינפאַל, דאַרף מען דעם ביינפאַל דערקענען לויטן באַטײַט.

ווי אַזוי וועט זיַין די ביינונג פון דער פאָטער, די מוטער אין מערצאָל?

1. —, — (ריידן זיך דורך מיטן לערער).

2. —, — (רייד אויף דער עלטערן־פאַרזאַמלונג האָבן זייער אויסגענומען ביי די לערער).

3. (די לערער האָבן געשיקט מתּנות —, —.

4. (די לערער האָבן געזען אין נאָם —, —.

ביי זאַכווערטער, וואָס באַצייכענען באַלעבטע זאַכן, זייַנען אויך אַלע פיר ביינפאַלן אין מערצאָל גלייַך, אויב דער ערשטער ביינפאַל מערצאָל ענדיקט זיך אויף —ס.

אַרבעט: 162. שרײַב אויס פון דער ווײַטער־דיקער דערציילונג אַלע וואָכווערטער און נעמען אויס: א) צי באַצייכענען זיי באַלעבטע אָדער אומבאַלעבטע זאַכן; ב) צי זײַנען דאָס כּלל־נעמען אָדער פּרט־נעמען; ג) אין וואָסער בייגפאַל זיי שטייען.

פינע פרירט זיך אָפּ אַ פּיסל.

דער שניי איז גרויס, דער פראָסט קנאַקט, און עס בלאָזט אַ שאַרפער קאַלטער ווינט.

שאַ, פינע מײַנער גייט אויף די טרעפּ און וויינט. איך עפן די טיר. פינע קומט אַרײַן בלוי ווי אַ מילך.

— פינעלע, אוצר מײַנער, וואָס וויינסטו?

זעץ איך אַוועק פינען אויפן טיש, טו אים אויס די שיכלעך און נעם אים רײַבן די פיסלעך.

89

בערל דערציילט:

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט שפּעטלעך. גיך, גיך אָנטאָן זיך, מען דאַרף דאָך גיין אין קלאַס! רופט זיך אָפּ צו מיר די מאַמע:

— דו וועסט הײַנט ניט גיין אין קלאַס.

פרעג איך בײַ איר:

— פאַרוואָס?

ענטפערט זי:

— ווײַל דײַנע שיך זײַנען בײַם שוסטער. ער האָט צוגעזאָגט אָפּצוברענגען די שיך נאָך אינאָוונט, נאָר ער האָט ניט געהאַלטן וואָרט. און דו קענסט דאָך ניט אַרויסגיין בײַ אַזאַ וועטער אין די אַלטע לעכערדיקע שיך. איך וועל ניט לאָזן.

מיט וואָסערע ווערטער רעדט בערל וועגן זיך? וועגן דער מאַמען?

מיט וואָסערע ווערטער רעדט די מאַמע וועגן זיך? וועגן בערלען? וועגן דעם שוסטער?

צי האָסטו אַמאָל געהערט, ווי אַזוי קלײנע קינדער ריידן? זײ זאָגן אויף זיך: עליק וויל עסן; חנהלע האָט ניט געזען. ווי אַזוי זאָגן גרויסע מענטשן וועגן זיך?

שטעל זיך פֿאָר, אַז דו רעדסט מיט דײַן חבֿרטע בײלע. צי וועסטו פֿרעגן: בײלע האָט היינט פֿאַרשפּעטיקט אין קלאַס? ניין. טאָ ווי אַזוי דען וועסטו פֿרעגן?

מיט די ווערטער איך, דו, ער, זי, עס קען מען פֿאַרבײַטן זאַכווערטער.

אַרבעט. 163. שרײַב איבער צו זיך אין העפֿט די ווײַטערדיקע זאַצן און דערשרײַב די ווערטער, וואָס פֿעלן:

בערל איז אַ ווײַלער יונג, נאָר — קען ניט ציילן. בײזערט זיך אויף — דער טאַטע: „— ביסט דאָך אַ גרויסער יִנגל, — ווייסט ניט, וויפֿיל איז דרײַ און פֿינף!" נאָר די מאַמע דריקט — צום האַרצן; — האָט ליב בערלען און — ווײס, אַז ווען — וועט אויסוואַקסן, וועט — — זיך אויסלערנען אַלצדינג.

90

פאַרבײַטנעמען.

איינצאָל

.1	איך	דו	ער	זי	עס (דאָס)
.2	—	—	—	—	—
.3	מיר	דיר	אים	איר	אים (דעם)
.4	מיך	דיך	אים	זי	עס (דאָס)

מערצאָל

.1	מיר	איר	זיי
.2	—	—	—
.3	אונדז	אײַך	זיי
.4	אונדז	אײַך	זיי

די ווערטער איך, דו, ער, זי, עס מיט זייערע בייגפאַלן אין איינצאָל און מערצאָל רופט מען פאַרבײַ־טיקע זאַכווערטער אָדער פאַרבײַטנעמען. זיי קענען שטיין אי אָנשטאָט כּלל־נעמען, אי אָנשטאָט פּרט־נעמען.

דערמאָן זיך, וואָס עס איז אין § 5 געווען גערעדט וועגן די פּערזאָנען:

דער וואָס רעדט רופט זיך ערשטע פּערזאָן;

דער צו וועמען מען רעדט רופט זיך צווייטע פּערזאָן.

דער וועגן וועמען מען רעדט רופט זיך דריטע פּערזאָן.

אויף וועמען זאָגט דער וואָס רעדט: איך, מיר? אויף וועמען זאָגט מען: דו, איר? און אויף וועמען זאָגט מען: ער, זי, עס, זיי?

איך, מיר זײַנען פאַרבײַטנעמען פון דער ע ר ש ט ע ר פּערזאָן;

דו, איר זײַנען פאַרבײַטנעמען פון דער צ ו ו י י ט ע ר פּערזאָן;

ער, זי, עס, זיי זײַנען פאַרבײַטנעמען פון דער ד ר י ט ע ר פּערזאָן.

די אַלע ווערטער צוזאַמען רופט מען פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע פ אַ ר ב ײַ ט נ ע מ ע ן.

די פּערזענלעכע פאַרבײַטנעמען האָבן ניט קיין צווייטן בייגפאַל; אָנשטאָט דעם ווערט גענוצט דער דריטער בייג-פאַל מיטן פּאָרוואָרט „פון".

פאַרגלייך: מ ע נ ט ש ן גייען — מען גייט.

אַ מ ע נ ט ש גייט — עמעצער גייט.

ד ע ר ט אַ ט ע גייט — ווער גייט?

די ווערטער: מען, עמעצער, ווער זײַנען אויך פאַרבײַטנעמען.

פאַראַן נאָך אַנדערע פאַרבײַטנעמען, וועגן וועלכע עס וועט שפּעטער קומען צו רייד.

91

פאַרקירצטע פּערזענלעכע פאַרבײַטנעמען.

איך גיי שפּאַצירן = כ'גיי שפּאַצירן.

עס רוישט = ס'רוישט.

מען אַרבעט = מ'אַרבעט.

די פאַרבײַטנעמען איך, עס, מען קענען קומען פאַר
קירצט אויך.

91

ארבעס. 164. שרײַב אויס פון דעם ווײַטערדיקן ליד אַלע פאַרבײַט-
ווערטער און באַשטים זייער פאָרם (בייגפאַל, צאָל):

שטיפערײַ.

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן:
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פײַנט זיך צו צוואָגן!
כ'האָב פײַנט, אַז די זייף קריכט מיר גלײַך אין די אויגן,
און דאָך מוז איך שטיין פאַר דער שיסל געבויגן
און לאָזן זיך טאָן, וואָס דער מאַמען פאַרווילט זיך.
זי רײַבט מיר די נאָז און זי שרײַט און זי שילט זיך:
וואָס שטייסטו און דרייסטו זיך פונקט ווי אַ וואָרעם?
זי טוט מיך אַ הייב און אַ נעם אונטער אָרעם,
און פוץ! מיר דאָס קעפל אין וואַסער געטונקען...
געוואַלד, ראַטעוועט, קינדער, אָט ווער איך דערטרונקען!
איך וואַרף זיך דערשראָקן און דריגע אַ פיסל;
ווען נעמט שוין אַ סוף צו דער טרייפּענער שיסל?
און נאָכדעם דאָס קעמען: מען שלעפּט און מען שטופּט מיך,
מען רײַסט מיר די האָר און מען קראַצט און מען צופּט מיך. —
איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן:
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פײַנט זיך צו צוואָגן.

165. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטעל אַרײַן דעם געהעריקן פֿאַרבײַטנאָמען:

דער ברודער איז נאָך ניט געקומען, — האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין וועג. דעם ברודער וועט זײער געפֿעלן די מתּנה, וואָס — האָב פֿאַר — אָנגעגרײט. דאָס שרײַפֿעלע קענסטו אַרויסוואַרפֿן, — איז שוין אינגאַנצן צעבראָכן. די קינדער זײַנען מיד, — האָבן זיך געשפּילט אַ גאַנצן פֿאַר־מיטאָג.

166. שרײַב אויס פֿון די ווײַטערדיקע זאַצן די פֿאַרבײַט־נעמען, און לעבן זײ שטעל אַוועק די זאַכווערטער, וועלכע זײ פֿאַרבײַטן; שטעל צו די ציפֿער 1, 3, 4 צו באַצײכענען דעם בײגפֿאַל.

בײַשפּיל: 1. זי — די שוועסטער.

די שוועסטער נײט אַ גאַנצן טאָג, זי דאַרף פֿאַרענ־דיקן די אַרבעט. טראָג באַלד אַוועק די נאָדלען צו דער שוועסטער, טאַקע צו איר אַהײם. די שוועסטער וועט באַלד זײַן דאָ, איך האָב זי שוין געזען גײענדיק.

92

בײגפֿאַל בײַ פֿאָרווערטער.

קום מיט מיר. גײ צו צו מיר. דאָס קישעלע ליגט אויף דער ערד. איך האָב גרויס הנאה פֿון דעם ביכל. דער פֿאָטער גלעט דאָס קינד איבערן קעפּעלע. קריך אַראָפּ אונטער דעם טישעלע.

נאָכן פאָרוואָרט שטייט דער דריטער בייגפאַל.

ארבעט. 167. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן צו זיך אין העפט און שטעל די איינגערינגלטע ווערטער אין דעם געהעריקן בייגפאַל:

צו (איך) האָט דאָס ניט. וואָס קלערסטו וועגן (דאָס ביכל)? אויף (דאָס בערגל) שטייט אַ בוים. פון (די מוטער) איז נאָך ניטאָ קיין בריוו. אַנטקעגן (דאָס הויז) איז פאַראַן אַ פלומפ. פון (דו) וויל איך הערן די גאַנצע געשיכטע.

III. זאַץ.

93

חַזר איבער, וואָס מיר האָבן געלערנט אין ערשטן טייל וועגן זאַץ.

חזר איבער, וואָס מיר האָבן געלערנט אין ערשטן טייל וועגן פּינטל, פרעגצייכן, אויסרופצייכן.

אַ שמועס פונדערווייַטנס.

— איטעלע!

— וואָס?

— וווּ ביסטו?

— דאָ!

— וואָס טוסטו?

— איך לייען אַ בוך.

— קום אַהער!

— איך לייג אַוועק דאָס בוך און קום שוין צו דיר.

צי זײַנען איטעלע!, וואָס?, דאָ! באַזונדערע זאַצן? דערקלער, פאַרוואָס.

> בדרך־כּלל באַשטייט אַ זאַץ פון עטלעכע ווערטער: נאָר טיילמאָל קען אַ זאַץ באַשטיין פון איין וואָרט אויך.

94

מיטשטימונג.

דער ברודער זאָגט. יאָסל שמייכלט. די מאַמע אַרבעט.

נעם דעם ערשטן זאַץ. צו וואָס פאַר אַ גרופּע (זאַכוואָרט, צײַטוואָרט) געהערן די ווערטער דער ברודער און זאָגט?

אין וואָס פאַר אַ בייגפאַל שטייט דאָס זאַכוואָרט דער ברודער?

צי קען מען זאָגן:

דער ברודער זאָגסט?
דער ברודער זאָגן?
דער ברודער זאָג?

אין וואָס פאַר אַ פאָרם שטייט דאָס צייטוואָרט אין דעם זאַץ: דער ברודער זאָגט?

צי קען איך זאָגן: די ברידער זאָגט?

צי קען איך זאָגן: איך זאָגט, דו זאָגט, איר זאָגן, מיר זאָג?

די ערשטע פּערזאָן צײַטוואָרט ווערט גענוצט נאָר אין מיטשטימונג מיט די זאַכוואָרטיקע פאַרבײַטנעמען איך און מיר.

די צווייטע פּערזאָן צײַטוואָרט ווערט גענוצט אין מיטשטימונג מיטן זאַכוואָרטיקן פאַרבײַטנאָמען דו און איר.

די דריטע פּערזאָן צײַטוואָרט ווערט גענוצט אין פאַרבינדונג מיט אַלע זאַכווערטער און מיט די זאַכוואָרטי-קע פאַרבײַטנעמען ער, זי, עס און זיי.

דאָס צײַטוואָרט אין זאַץ מוז מיטשטימען מיטן זאַכוואָרטיקן פאַרבײַט-נאָמען אין פּערזאָן און אין צאָל.

95

טײלן פון זאַץ.

בײַשפּיל:

דער בָחור שטיפט.

אין דעם זאַץ רעדט זיך װעגן דעם בָחור, און ס׳װערט געזאָגט, אַז ער שטיפט.

דער שנײַדער נײט.

װעגן װעמען רעדט זיך אין דעם זאַץ? װאָס װערט געזאָגט װעגן דעם שנײַדער?

ארבעט. 168. דערקלער בײַ די װײטערדיקע זאַצן, װעגן װעלכער זאַך עס רעדט זיך, און װאָס עס װערט געזאָגט װעגן דער זאַך.

זשאַבעס קװאַקען. העגער קרײען. פֿורן פֿאָרן. דער עולם לאַכט. די פֿײַמלעך פֿלאַמען. בערעלע לאַכט. דער זײדע שלאָפֿט.

96

סוביעקט, פּרעדיקאַט.

דאָס ליכטל צאַנקט.
דער בָחור שטיפט.
איך לײען.

װעלכע װערטער באַװײזן די זאַכן, װעגן װעלכע עס רעדט זיך אין די זאַצן?

אין װעלכע בײַגפֿאַלן שטײען די װערטער: דאָס ליכטל, דער בָחור, איך?

די ווערטער, וואָס באַווייזן, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין זאַץ, שטייען בדרך־כלל אין דעם ערשטן בייגפאַל.

דאָס דאָזיקע וואָרט אין דעם ערשטן בייגפאַל רופט זיך סוביעקט פון דעם זאַץ.

דאָס צייטוואָרט, וואָס שטימט מיט מיטן סוביעקט אין פערזאָן און אין צאָל, רופט זיך פרעדיקאַט. סוביעקט און פרעדיקאַט רופן זיך טיילן פון זאַץ, אָדער זאַצטיילן.

פאַראַן נאָך אַנדערע זאַצטיילן, וועגן וועלכע עס וועט שפּעטער קומען צו רייד.

ארבעט. 169. יאָסל בעקט, יאָסל וויינט, דער טאַטע קומט. יאָסל פרייט זיך. יאָסל שפּילט זיך. יאָסל לאַכט.

די תלמידים לערנען. דער לערער דערקלערט. מיר הערן. מיר פאַרשרייבן. מיכל פלוידערט. מיכל שטערט.

שרייב איבער באַזונדער די סוביעקטן און באַזונדער די פרעדיקאַטן.

170. טראַכט צו סוביעקטן צו די פאָלגנדיקע פרעדיקאַטן:

לויפסט. נעמט. שרייב. גיבן. אַרבעטן. שפּילן. זינגען. טומלט. וויינט. רייד. שמעקט. אַקערט.

97

נעם דעם זאַץ: דער בחור שטיפט און פיר אים אַריבער אין פאַרגאַנגענהייט.

דער סוביעקט בלייבט ניט־געביטן. און ווי אַזוי וועט זיין דער פרעדיקאַט? ניט שטיפט, נאָר האָט געשטיפט:

און אויב מען זאָל דעם זאַץ אַריבערפירן אין קומענדיקייט, ווי אַזוי וועט זיין דער פרעדיקאַט? ניט שטיפן, נאָר וועט שטיפן.

די הילפּצײַטװערטער, װאָס העלפן פורעמען די פאַרגאַנגענע אָדער קומענדיקע צײַט, װערן אױך צוגע־רעכנט צו דעם פּרעדיקאַט אין זאַץ.

ארבעט. 171. שרײַב אױס די זאַצן. אױפן סוביעקט שרײַב פונ־אױבן אָן סוב., אױפן פּרעדיקאַט—פּרעד.

פרעש קװאַקען. הענער קרײען. קראָען קראַקען. װינטן װײען. איך שרײַ. דער עולם לאַכט. די הון כאַפּט זיך אױף. מלאכים קומען אָן. פורן פאָרן. די פּײמלעך פלאַמען. די קינ־דערלעך שפּילן זיך. פײגעלע האָט זיך פאַרטראַכט. דער װײדע שלאָפט. ער גײט אַװעק. שנײעלעך טאַנצן.

דער צוג אין װעג.

דער פּײַפער פּײַפט. דער רױך קנױלט זיך. די רעדער קלאַפּן. די ערד ציטערט. אַ שטױב הײבט זיך. דער צוג פליט.

172. שרײַב אָן אױף דעם סוביעקט—סוב., אױף דעם פּרע־דיקאַט—פּרעד.

פרילינג.

די קנאָספּן האָבן זיך געעפנט. די בלעטעלעך האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזן. די גרעזעלעך הײבן זיך. פליגעלעך שװעבן אַרום. פײגל זינגען. דאָס טײַכל מורמלט. די זון בלאַנקט. דער פרילינג איז געקומען.

173. שרײַב אָן אױפן סוביעקט—סוב., אױפן פּרעדיקאַט—פּרעד.

זומער אין גאָרטן.

די זון לײכט. דאָס גראָז גרינט. די בלעטעלעך ציטערן. די פײגעלעך פּישטשען. די בײַבעלעך שװעבן אַרום. שפּרינגערלעך טאַנצן. קינדער שפּילן.

שרבעס. 174. שרייב אויפן סוביעקט אָן סוב., אויפן פּרעדיקאַט—פּרעד.

175. טראַכט צו סוביעקטן צו די פּרעדיקאַטן:

דער הונט, דער שָכן, דער וואָגן, די שיף, דער אויטאָמאָביל, דער אעראָפּלאַן, די מאַשין, דער אַרבעטער, דער פּויער, דער בליץ, דער דונער.

176. טראַכט צו אַ סוביעקט צו יעדן פּרעדיקאַט:

איז איינגעפאַלן, האָט געערדט, איז אַנטלאָפן, אַקערן, זייען, טימלען, וויינט, איז אָנגעקומען, איז אַוועק, שמעקט, שרייבט, שלאָפן, זינגט.

98

פ ר אַ ג ע ס.

נעם דעם זאַץ: דער בָחור שטיפט. קענען מיר פרעגן: ווער שטיפט? דער ענטפער איז: דער בָחור. אין דעם זאַץ: דאָס ליכטל צאַנקט קענען מיר פרעגן: וואָס צאַנקט? דער ענטפער איז: דאָס ליכטל.

אין די ביידע זאַצן קענען מיר פרעגן: וואָס טוט דער בָחור? דער ענטפער איז: דער בָחור שטיפט. וואָס טוט דאָס ליכטל? דער ענטפער איז: דאָס ליכטל צאַנקט.

> דעם סוביעקט קען מען דערקענען לויט דער פראַגע:
> ווער? וואָס?
> דעם פּרעדיקאַט קען מען דערקענען לויט דער פראַגע:
> וואָס טוט? וואָס האָט געטאָן? וואָס וועט טאָן? וואָס טוען? (וואָס האָבן געטאָן? וואָס וועלן טאָן?).

ביי דעם פּרעדיקאַט קענען אָבער געמאָלט זיין נאָך אַנדערע פראַגעס, ווען וועלכע עס וועט שפּעטער קומען צו רייד.

177. שרײַב אויס פון דער דערציילונג, וואָס דו לייענסט אין דײַן בוך, 5 זאַצן. אין קלאַמערן גיב צו נאָך יעדערן די פראַגע, אויף וועלכער עס ענטפערט אין זאַץ דער סוביעקט.

178. שרייב אויס פון דער דערציילונג, וואָס דו לייענסט אין דיין בוך, 5 זאַצן. גיב נאָך יעדן צו אין קלאַמערן די פראַגע, אויף וועלכער עס ענטפערט אין זאַץ דער פרעדיקאַט.

א־בעט. 179. קלײַב צו סוביעקטן צו די ווײַטערדיקע פרעדיקאַטן און פאַרשרײַב זיי צוזאַמען מיט די פראַגעס, אויף וועלכע זיי זײַנען אַן ענטפער.

דער עפל. די טינט. אַ הונט. די מילך. אַ קו. ער. דער שכן. דער טראַמווײַ. דער אַעראָפּלאַן. אַ רעגן. דער שמיד. די שיף. מיר.

בײַשפּיל: דער עפל (וואָס טוט?) פאַלט.

180. קלײַב צו סוביעקטן צו די ווײַטערדיקע פרעדיקאַטן און פאַרשרײַב זיי צוזאַמען מיט די פראַגעס, אויף וועלכע זיי זײַנען אַן ענטפער.

פאַלט. האָט גענומען. אַקערן. זשומט. רוישט. קומט אַרײַן. שרײַבסט. האָב געזען. פלאַטערן. וועלן קומען. שרײַט. קריכט אַרויס. וועט שרײַבן. איז געפאַלן. פלאַמט. הייבט זיך אויף.

181. בײַ יעדן פון די זאַצן, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן צו דער אַרבעט 179, ווײַז אָן אַלץ, וואָס איז נייטיק צו כאַראַקטעריזירן די פאָרם פון דעם סוביעקט און פון דעם פרעדיקאַט (זאַכוואָרט, פאַרבײַטנאָמען, צײַטוואָרט; ביינפאַל, צאָל, מין, פערזאָן).

בײַשפּיל: מיר וועלן אַרויסגיין.

סוביעקט: מיר—פאַרבײַטנאָמען, ערשטער ביינפאַל, מערצאָל, ערשטע פערזאָן.

פרעדקאַט: וועלן אַרויסגיין—צײַטוואָרט, קומענדיקייט, מערצאָל, ערשטע פערזאָן.

182. ביי יעדן פון די זאַצן, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן צו דער אַרבעט 180, ווייז אָן אַלץ, וואָס איז נייטיק אויף צו כאַראַקטעריזירן די פאָרם פון דעם סוביעקט און פון דעם פרעדיקאַט (ביישפּיל זע נומ׳ 181).

99

פ אַ ר נ יי נ ו נ ג.

נעם די צוויי זאַצן:

1. דער בָּחור אַ ר בּ ע ט.
2. דער בָּחור ר ו ט.

און פאַרגלייך זיי מיט אַזוינע צוויי זאַצן.

3. דער בָּחור אַ ר בּ ע ט.
4. דער בָּחור אַ ר בּ ע ט נ י ט.

די זאַצן 1 און 3 זיינען אינגאַנצן די זעלבע; די זאַצן 2 און 4 זיינען ל ו י ט ן בּ אַ ט יי ט אויך די זעלבע; נאָר לויט דער פאָרם?

רוף אָן דעם פרעדיקאַט פון דעם זאַץ 4.

בײַ דעם פרעדיקאַט קען שטיין דאָס וואָרט ניט (אָדער נישט). יעמאָלט הייסט דאָס, אַז די טוונג פון דעם סוביעקט קומט נ י ט פאָר.

דאָס וואָרט נ י ט (אָדער נ י ש ט) רופט מען פ אַ ר נ יי נ ו נ ג.

די פאַרניינונג רעכנט זיך פאַר אַ טייל פון דעם פרעדיקאַט.

ארפעט. 183. שרײַב איבער די װײַטערדיקע דערציילונג און שטעל אַװעק איבער יעדן סוביעקט — ס ו ב., איבער יעדן פּרעדיקאַט—פּ ר ע ד.:

פ ר י ל י נ ג.

די קנאָספּן האָבן זיך געעפנט. די בלעטעלעך האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזן. די גרעזעלעך הייבן זיך. פליגעלעך שװעבן אַרום. פייגל זינגען. דאָס טײַכל מורמלט. די זון שײַנט. דער פרילינג איז געקומען.

בײַשפּיל:

סוב.	פּרעד.
די בלעטעלעך	האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזן.

ארבעט. 184. שרײַב איבער די װײַטערדיקע דערציילונג און שטעל אַװעק איבער יעדן סוביעקט — ס ו ב., איבער יעדן פּרעדיקאַט—פּ ר ע ד.:

ז ו מ ע ר א י ן װ אַ ל ד.

די זון באַקט. די גרעזעלעך גרינען. די פייגעלעך פּישטשען ניט. די פּלאַטערלעך רוען. דאָס װינטל שלאָפט. אַלץ שטומט.

100

פ אַ ר ב ר י י ט ע ר ט ע ר ז אַ ץ.

דער ברודער שרײַבט.

גיב צו װערטער לויט אַזױנע פראַגעס:

דער ברודער—װעלכער?	עלטערער.
שרײַבט — װאָס?	אַ בריװ.
שרײַבט — צו װעמען?	צום פאָטער.
אַ בריװ—װאָס פאַר אַ?	אַ לאַנגן.

שרײַב אָן דעם גאַנצן זאַץ:

דער עלטערער ברודער שרײַבט אַ לאַנגן בריוו צום פאָטער.

> אַ זאַץ, וואָס האָט נאָך אַנדערע טײלן אויסער דעם סוביעקט און פּרעדיקאַט, רופט זיך פאַרברייטער־טער זאַץ.

לאָמיר באַטראַכטן דעם זאַץ גענויער.

דער ברודער שרײַבט.

דער עלטערער ברודער שרײַבט אַ לאַנגן בריוו.

דאָס וואָרט עלטערער ציט זיך צום וואָרט ברודער.
״ ״ אַ בריוו ״ ״ ״ ״ שרײַבט.
״ ״ לאַנגן ״ ״ ״ ״ בריוו.

כדי צו מאַכן דאָס קלאָרער, קענען מיר אָנצייכענען די ציִונג אין דער פאָרם פון אַ סכעמע:

דער ברודער — שרײַבט
װעלכער? | — | וואָס?
עלטערער — אַ בריוו
| וואָס פאַר אַ?
לאַנגן.

די לבָנה שווימט.

גיב צו ווערטער לויט אַזוינע פראַגעס:

די לבָנה — וואָס פאַר אַ? שווימט—ווען? שווימט—ווו? שווימט — ווי אַזוי?

דערבײַ קען אַרויסקומען אַזאַ זאַץ:

די בלאַסע לבָנה שווימט פּאַמעלעך בײַנאַכט אויפן הימל.

לאָמיר דאָס אויך פּרוּוון איבערגעבן אין אַ סכעמע:

אין די ווערטער: „שווימט אויפן הימל" איז די צײַוּנג געשאַפן געוואָרן דורכן פּאָרוואָרט („אויף"). שווימט דעם הימל וואָלט געווען אומפאַרשטענדלעך.

אַרבעט. 185. שרײַב איבער דעם ווײַטערדיקן זאַץ און ווײַז אין אַ סכעמע די צײַוּנג פון די ווערטער צווישן זיך.

שוואַרצע קראָען דרייען זיך בײַטאָג אין דער לופט.



שרײַב איבער דעם ווײַטערדיקן זאַץ און ווײַז אין אַ סכעמע די צײַוּנג פון די ווערטער צווישן זיך:

פון פעלד איז אַ ישובניק מיט זײַן יונג געגאַנגען בין־השמשות דורך אַ וואַלד.



אין די ווערטער: פון פעלד געגאַנגען האָבן מיר ווי־דער אַ צײַוּנג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ פּאָרוואָרט („פון").

שרײַב איבער דעם ווייטערדיקן זאַץ און ווײַז אָן אין אַ סכע־מע די ציִונג פֿון די ווערטער צווישן זיך:

דער אַלטער ייִד נעמט אַרויס פֿון זײַן שופֿלאָד אַ וועקסן ליכטל.

אַרבעט. 186. אין יעדן פֿון די ווייטערדיקע זאַצן שטעל אויס דעם סוביעקט און דעם פּרעדיקאַט און ווײַז אָן אין אַ סכע־מע די ציִונג פֿון די איבעריקע ווערטער:

אַ שטיפֿערישער ווינט בלאָזט אינדרויסן. אַ געדיכטער שניי פֿאַלט פֿון הימל. די קינדער גייען אויפֿן גליטש. זיי זעען שוין פֿונדערווײַטנס דאָס בלאַנקע אײַז. חֶברה וועט בלײַבן דאָ ביז פֿאַרנאַכט. די מאַמע וועט קומען שפּעטער זיי אָפּנעמען אַהיים.

דעם סוביעקט און דעם פּרעדיקאַט רופֿט מען הויפּט־גלידער פֿון זאַץ. די זאַצטיילן, וואָס ציען זיך צום סוביעקט אָדער צו דעם פּרעדיקאַט, רופֿט מען בײַגלידער.

101

צוזאַמענגעגאָסענער זאַץ.

בערל און וועלוול לייענען.

באַמערק, וויפיל סוביעקטן האָט דער זאַץ? וויפיל פּרעדי-קאַטן? צי שטימט דער פּרעדיקאַט מיט איינעם פון די צוויי סוביעקטן, אָדער מיט ביידע?

בערל זיצט און לייענט.

באַמערק, וויפיל סוביעקטן האָט דער זאַץ? וויפיל פּרע-דיקאַטן? צי ציען זיך ביידע פּרעדיקאַטן צו דעם זעלביקן סוב-יעקט? צי שטימען ביידע פּרעדיקאַטן אין צאָל מיט דעם איינ-ציקן סוביעקט?

בערל און וועלוול זיצן און לייענען.

וויפיל סוביעקטן זיינען פאַראַן אין דעם זאַץ? וויפיל פּרע-דיקאַטן? צי שטימט יעדער פּרעדיקאַט מיט ביידע סוביעקטן, אָדער יעדער פּרעדיקאַט מיט אַן אַנדער סוביעקט.

> דער זאַץ, וואָס האָט עטלעכע גלייכאַרטיקע זאַצטיילן, רופט זיך **צוזאַמענגעגאָסענער**. דער זאַץ, וואָס האָט נאָר צו איין זאַצטייל פון יעדן מין, רופט זיך **פּשוטער**

ארבעט. 187. נאָך די פּשוטע זאַצן שרייב אָן: (פּ). נאָך די צוזאַ-מענגעגאָסענע — (צ).

אין גאָרטן וואַקסן עפּל און באַרן. דער טאַטע און די מאַמע אַרבעטן. דער טיש און דער שטול האָבן זיך צעבראָכן. דער קאַרשנבוים בליט. די קו שרייט. דער זיידע און די באָבע שלאָפן. איך און מיין שוועסטער לערנען אין איין שול. דער לערער איז געקומען. מאָטל און מעני שפּילן זיך אינדרויסן.

188. שטרײַך אונטער די גלײַכאַרטיקע זאַצטײלן אין די ווײַטערדיקע זאַצן:

מעידל לויפט און שרײַט. דער פויער אַקערט און זײט. דער פּאַסטעך האָט אַרויסגעלאָזן די קו פון שטאַל און אַוועקגעטריבן אין פעלד. יאָסל איז געלאָפן און געפאַלן. די פערד און די קי פיטערן זיך אין פעלד. קאַרשן און פלוימען בליען שוין אין גאָרטן. עס גײען צוויי מענטשן. אַ פּאָר אָקסן ב־אָקן לאָקשן.

189. מאַך פון די צוזאַמענגענאָסענע זאַצן אין דער אַרבעט 188 צוויי פּשוטע לויטן בײַשפּיל:

מענדל לויפט און שרײַט = מענדל לויפט. מענדל שרײַט.

190. מאַך פון די צוזאַמענגעגאָסענע זאַצן אין דער אַרבעט 187 פּשוטע זאַצן.

191. מאַך פון די ווײַטערדיקע פּשוטע זאַצן צוזאַמענגעגאָסענע לויטן בײַשפּיל:

יוסף לערנט. מאָטל לערנט = יוסף און מאָטל לערנען.

עטל ווינגט. חנה ווינגט. — בערל לויפט. בערל פּאַלט.— פורן פאָרן. פורן פירן קאָרן. — ציגן גײען אין פעלד. שעפּסן גײען אין פעלד.—די קינדער וויינען. די קינדער לאַכן. — די זון לײַכט. די זון וואַרעמט. — דער שוסטער נייט מיטן אָל. דער שוסטער קלאַפּט מיטן האַמער.

102

איך האָב געקויפט אַ בוך און אַ העפט.

ווען מיר שטעלן פאַר דעם זאַץ אין אַ סכעמע, באַקומען מיר:

איך ——————— האָב געקויפט

וואָס?   וואָס?

אַ העפט   אַ בוך

צו וועלכן וואָרט ציען זיך די ווערטער „אַ בוך“ און „אַ העפט“? צי ענטפער־ן די בײדע ווערטער אויף דערזעלביקער

פראַגע, צי אויף באַזונדערע פראַגעס? וואָס פאַר אַ זאַצטיילן זײַנען אין דעם זאַץ די ווערטער „אַ בוך" און „אַ העפט"?

די בײַטיילן, וואָס ציען זיך צו איין וואָרט אין זאַץ, און ענטפערן דערבײַ אויף דערזעלביקער פראַגע, רעכענען זיך אויך פאַר גלײַכאַרטיקע זאַצטיילן.

ארבעס. 192. שטרײַך אונטער די גלײַכאַרטיקע זאַצטיילן:

די מאַמע נייט העמדער און בלוזעס. זי נייט מיט אַ נאָדל און אַ פאָדעם. זי אַרבעט שיין און שטאַרק. זי האָט אויפגענייט בלוזעס פאַר מיר און פאַר מײַן ברודער. דעם ברודערס בלוזע איז אַ העלע. מײַן בלוזע איז אַ טונקעלע, אַ ברוינע. איצט טראָגן מיר פײַנע און ריינע בלוזעס.

193. מאַך פון די פשוטע זאַצן צוזאַמענגעזאָמענע לויטן בײַשפּיל:

איך שפּאַציר אין פעלד. איך שפּאַציר אין וואַלד = איך שפּאַציר אין פעלד און אין וואַלד. דער ווינט איז אַ קאַלטער. דער ווינט איז אַ נאַסער. — די מאַמע האָט מיר געגעבן ברויט. די מאַמע האָט מיר געגעבן קעז. — מײַן ברודער שפּילט אויפן פידל. מיין ברודער שפּילט אויף דער גיטאַרע.

103

בינדווערטער.

דער ווינט ברומט און קערט וועלטן.

סיי חיות, סיי געוויקסן קענען אָן זון ניט לעבן.

צו מיטאָג וועט מען עסן אָדער פלייש, אָדער פיש.

באַמערק, וועלכע ווערטער בינדן צונויף די זאַצטיילן פון איין מין.

די ווערטער, וואָס בינדן צונויף גלייכאַרטיקע זאַצ־טיילן, רופט מען בינדווערטער.

194. אַרבעט. שטרייַך אונטער די בינדווערטער אין די וויַטערדיקע זאַצן:

דער פאָטער איז אַ גוטער, נאָר אַ שטרענגער. איך וועל הייַנט אינאָוונט אָדער לייענען, אָדער גיין אין קלוב. איך וויל אי עסן, אי שלאָפן. ער האָט ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער. יאָסל איז פּעניק, אָבער פויל. די פאַבריק אַרבעט סיי בייַטאָג, סיי בייַנאַכט. דָוויד מיט דעם ברודער שפּאַצירן אין פעלד.

104

ק אָ מ ע.

דער ווינט פייַפט, ברומט און קערט וועלטן.
סיי מענטשן, סיי חיות, סיי געוויקסן קענען אָן זון ניט לעבן.

לייען איבער דעם ערשטן זאַץ. באַמערק, ווי האָסטו גע־מאַכט דעם קול, אַרויסריידנדיק יעדן פון די גלייַכאַרטיקע זאַצ־טיילן? וואָס פאַר אַן אָפּשטעלצייכנס שטייען אין בוך צווישן די גלייַכאַרטיקע זאַצטיילן?

צווישן די גלייַכאַרטיקע זאַצטיילן שרייַבט מען אַ קאָמע (,), דאָרט ווו מען העכערט דעם קול. ווען דאָס וואָרט „און" פאַרבינדט אין זאַץ צווי גלייַכ־אַרטיקע זאַצטיילן נאָר איין מאָל, שטעלט מען פאַר דעם קיין קאָמע ניט.

ארבעט. 195. שטעל אויס אין די ווײַטערדיקע זאַצן די קאָמעס, ווי מען דאַרף.

אַלע גראָזן אַלע בלומען האָב אויפגעוואַכט. יינגלעך און מיידלעך שפּילן זיך אין גראָז. איך מוז אי וויינען אי זיך פרייען. פורן פאָרן פירן קאָרן. שופרות בלאָזן רויש ברומען. איר פּילט און זעט און ווייסט אַלץ. משה איז אַ דיקער אָבער אַ שוואַכער מענטש. די מעשה איז אַ שיינע נאָר אַ קורצע. אי דער טאַטע אי די מאַמע אי דער זיידע זיינען היינט געווען בײַ מיר.

196. טראַכט צו 5 צוזאַמענגעזאָגטענע זאַצן מיט 3 סוביעקטן אין יעדן און פאַרשרײַב זיי מיט דער געהעריקער פּונקטירונג.

טראַכט צו 5 צוזאַמענגעזאָגטענע זאַצן מיט 3 פּרעדי-קאַטן אין יעדן און פאַרשרײַב זיי מיט דער געהערי-קער פּונקטירונג.

105

מען האָט ניט אין מויל. מען איז פויל.

לייען איבער די צוויי זאַצן. ווי לייענען זיי זיך—איינאיינעם, צי באַזונדער?

לייען זיי איצט איבער:

מען האָט ניט אין מויל, אַז מען איז פויל.

צי האָסטו איצט אויף דעם וואָרט מויל געמאַכט אַזאַ אָפּ-שטעל, ווי פריער? פאַרוואָס? באַמערק, וואָס פאַר אַן אָפּשטעל-צייכן שטייט צווישן די צוויי זאַצן איצט.

איך עס. איך בין הונגעריק.

איך עס, ווייל איך בין הונגעריק.

באַמערק, ווי לייענען זיך די צוויי זאַצן דאָס ערשטע מאָל, און ווי דאָס צווייטע מאָל. וואָס פאַר אַ וואָרט פאַרבינדט די צוויי זאַצן דאָס צווייטע מאָל?

באַמערק, וואָס פּאַר אַן אָפּשטעלצייכן שטייט צווישן די צוויי זאַצן, ווען זיי לייענען זיך אינאיינעם.

> גאַנצע זאַצן קאָנען אויך זיין פאַרבונדן צווישן זיך דורך בינדווערטער (און, אַז, ווען, ווייל, נאָר...). דעמאָלט טיילן זיי זיך אָפּ איינער פונעם צווייטן מיט אַ קאָמע.

ארבעט. 197. שטעל די קאָמע, ווו עס פאָדערט זיך.

אַז מען קאָן ניט אַריבער מוז מען אַרונטער. איך בין גע־פאַלן ווייל מאָטל האָט מיך אַ שטופּ געטאָן. דו לייענסט און ער שרייבט. ער רופט מיך שפּילן אָבער איך האָב קיין צייט ניט. ער זיצט ליידיק דערפאַר וואָס ער איז אַ פוילער. בערל איז אַ נאַסער מחמת ער איז געשטאַנען אונטערן רעגן. דו האָסט מיר געהאָלפן דעריבער בין איך דיר דאַנקבאַר.

198. שטעל די קאָמע, ווו עס פאָדערט זיך.

די קינדער האָבן זיך געלאָזט לויפן ווי נאָר זיי האָבן דער־זען דעם בער. עס האָט אַ דונער געטאָן און אַ רעגן האָט גענומען גיסן. די טעג זיינען געוואָרן קירצער ווען דער האַרבסט איז גע־קומען. אין דרויסן איז אַ נעפּל דעריבער איז פינצטער. אין דרויסן איז פרייליך דעריבער וויל יודל אין שטוב ניט זיצן. עס איז געגאַנגען אַ רעגן אָבער די ערד איז נאָך ניט דורכגענעצט. איך בין געווען אין װאַרשע אָבער אין טעאַטער בין איך ניט געוועזן. אַז מען רעדט דערערדט מען זיך. דער דלות פאַרשווינדט ווען עס אַרבעטן די הענט. איך בין ניט מיד כאָטש איך גיי שוין פינף שעה.

199. פאַרבינד די זאַצן צו צוויי־דריי אינאיינעם:

איך האָב געוואָלט קויפן אַ קוכן. איך האָב ניט געוווּסט, ווו איז אַ בעקעריי. בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן. איך האָב געלייענט די שילדן. איך האָב אויף איין שילד איבערגע־לייענט דאָס וואָרט „ברויט״. כ׳בין גלייך אַריין. כ׳האָב קיין ברויט ניט באַקומען. מיין גילדן איז דער קרעמערין ניט געפעלן געוואָרן.

ער איז געווען אַן אָפּגעריבענער. איך האָב דער קרעמערין גע־זאָגט, אַז איך בין הונגעריק. האָט זי אויף מיר רחמנות געקראָגן. געגעבן מיר ברויט.

200. שרײַב אויס פון די אַרבעטן 197, 198 199 אַלע בינד־ווערטער, וואָס פאַרבינדן די זאַצן צווישן זיך.

106

צווייפּונקט.

אין גאָרטן וואַקסן פאַרשיידענע גרינסן: אוגערקעס, רעטעך, ציבעלעס, מערן.

באַמערק, ווי מאַכסטו דעם קול אויף דעם וואָרט גרינסן, צו וואָס גרייט אונז צו דידאָזיקע אינטאָנאַציע?

דידאָזיקע ווערטער האָבן אונז צוגעגרייט דערצו, אַז באַלד וועלן אויסגערעכנט ווערן די מינים גרינסן, וואָס וואַקסן אין גאָרטן. באַמערק, וואָס פאַר אַן אָפּשטעלצייכן קומט נאָך דידאָזיקע צוגריי־טונגס־ווערטער, פאַר דער אויסרעכענונג.

דער דאָזיקער צייכן רופט זיך צווייפּונקט (:).

אַרבעט. 201. שטעל אויס דעם צווייפּונקט אין די קאָמע, ווו עס פאָדערט זיך.

אויפן יאַריד פאַרקויפט מען אַלערליי סחורות שטאָף כלים בגדים. אין שול לערנט מען אונדז אַ פולע זאַכן לייענען שרײַבן רעכענען זינגען גימנאַסטיק. איך האָב בלײַפעדערס פון אַלערליי קאָלירן רויטע גרינע בלויע שוואַרצע. מיר האָבן שפּאַצירט זאַל־באַדריט איך בערל יאָסל. אין קלאַס איז געווען אַ טומל מען האָט געזונגען געשריען געקלאַפּט איבער די טישן. פון פעלד גייט די טשערעדע פון פאָרנט לויפן די ציגן נאָך זיי די קי און די אָקסן.

107

דירעקטע רייד.

I. די לערערין האָט געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זײַן אַ שפּאַציר.

II. די לערערין האָט געזאָגט: „מאָרגן וועט זײַן אַ שפּאַציר“.

ווײַז אָן, ווי ווערן דאָ דער לערערינס ווערטער נאָר איבער־דערציילט, און ווי ווערן זיי איבערגעגעבן פּונקט, ווי די לערערין האָט זיי געזאָגט. באַמערק די צייכנס, וואָס שטייען פאַר און נאָך די פּינקטלעכע רייד פון דער לערערין.

> די ווערטער, וואָס גיבן איבער יענעמס רייד פּונקט, ווי יענער האָט זיי געזאָגט, רופן זיך דירעקטע רייד.
> דירעקטע רייד קומען אַיינגעשלאָסן אין לאַפּקעס („ “).

ארבעט. 202. שטרײַך אונטער די דירעקטע רייד.

מאָטל האָט געשריבן, מען זאָל אים אָפּעפענען די טיר. די חברים האָבן אים געענטפערט מיט אַ געלעכטער: „עפן זיך אַליין אָפּ די טיר“.

די לערערין האָט געפרעגט: „וואָס איז עס פאַר אַ טומל?“ די תלמידים האָבן געענטפערט: „בערל האָט זיך אַיינגעשניטן אַ פינגער“.

חנה איז געקומען צו דער מאַמען: „מאַמע, איך וויל עסן!“ די מאַמע האָט איר געזאָגט, זי זאָל זיך זעצן צום טיש, וועט זי איר געבן עסן.

בערל האָט אויפגעהויבן די האַנט. „וואָס ווילסטו זאָגן?“ האָט דער לערער אים געפרעגט. בערל האָט געענטפערט: „איך וויל לייענען“.

203. שרייב אוים פון לייענבוך עטלעכע ערטער מיט די־
רעקטע רייד.

108

די לערערין האָט געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זיין אַ שפּאַציר.

די לערערין האָט געזאָגט: „מאָרגן וועט זיין אַ שפּאַציר".

באַמערק דעם אונטערשייד אין דער אינטאָנאַציע פון די ווערטער „די לערערין האָט געזאָגט" רעכטס און לינקס. ווי הייבן מיר אויף דעם וואָרט „געזאָגט" אויף דעם קול, און ווי לאָזן מיר אויף דעם וואָרט „געזאָגט" אַראָפּ דעם קול? צי לאָזן מיר דאָ דעם קול אַראָפּ, ווי פאַר אַ פּינטל?

דידאָזיקע אינטאָנאַציע גרייט אונדז דערצו, אַז באַלד וועלן קומען די דירעקטע רייד פון דער לערערין. באַמערק, וואָס פאַר אַן אָפּשטעלצייכן עס קומט ביי דערדאָזיקער צוגרייטונג.

ארבעט. 204. דערקלער די אָפּשטעלצייכנס:

דער וואָגן האָט געזאָגט: „מיר איז זומער שווער". דער שליטן האָט געזאָגט: „מיר איז ווינטער שווער". דאָס פערד האָט געזאָגט: „מיר איז סיי זומער, סיי ווינטער שווער".

205. שטעל אוים די אָפּשטעלצייכנס לויט עס פּאָדערט זיך:

אַ קליין יינגל האָט געזאָגט צום טאַטן קויף מיר ברילן ווייל איך וויל לייענען אַ בוך דער טאַטע האָט געענטפערט אָט וועל איך דיר טאַקע קויפן ברילן דער טאַטע איז אַוועק אין בוכ־האַנדלונג און האָט געבראַכט דעם זון אַן אַלעפבייז.

109

דינה לייענט איצט „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

וואָס באַטייט מ אָ ט ל פּ י י ס י ד ע ם ח ז נ ס געוויינלעך?
וואָס באַטייטן די ווערטער אין ד ע ם זאַץ?

מיר האָבן היינט געזונגען „דער וואַלד אין האַרבסט“.

וואָס באַטײַט דער וואַלד אין האַרבסט געווײנלעך?
וואָס באַטײַטן די ווערטער אין דעם זאַץ?

די ווערטער, וואָס מען גיט זיי צו אַ באַזונדער באַ־טײַט, ווערן אויך אײַנגעשלאָסן אין לאַפּקעס.

צרבעט. 206. דערקלער, פאַרוואָס קומען די לאַפּקעס אין די ווײַ־טערדיקע זאַצן.

די ייִנגלעך האָבן מאָטלען אַ נאָמען געגעבן „דער גענע־ראַל“. — עטעלע פון צוגרייטונגס־קלאַס וויינט ווייער פּײַן „די באַן“. — מיר געפעלט וויער די דערציילונג „די פּאָן“. — זי שרעקט זיך און פרעגט אים: „וואָס איז דיר, מײַן קינד?“ — דוויד האָט געזאָגט: „מיר טיט ווי דער קאָפּ“. אין דעם „מיר טיט ווי דער קאָפּ“ איז געלעגן אַ שוואַכקייט אָן אַ שיעור. חײמס „שטי־לער“ האָט זיך געלאָזט הערן ווי אַ דונער.

110

ש ט ר י ך.

די מומע פעסל זעצט זיך אַוועק קעגן אינדו, לייגט צונויף די הענט אויפן האַרצן און נעמט אונדז צום עקזאַמען:

— ס׳מאַכט דער טאַטע?
— גאָרנישט.
— ס׳מאַכט די מאַמע?
— גאָרנישט.
— געפרעגלט שמאַלץ?
— געפרעגלט.

— געבאַקן לאַטקעס?
— נעבאַקן.
— דער פעטער בעני געווען?
— געווען.
— געשפילט אין דאָמינעס?
— געשפילט.

באַמערק, וואָס גר צייכן קומט ביי די דירעקטע רייד אָנשטאָט די לאַפּקעס, אין דער דערציילונג.
אַ שטריך קאָן פאַרבייטן די לאַפּקעס ביי דירעקטער רייד.

III

ארבעט. 207. שטעלט אויס די דירכגעלאָזענע אָפּשטעלצייכנס.

אָדער ס'וועט היינט גיין אַ רעגן אָדער ס'וועט אויסברעכן אַ שטורעם. — ער האָט געטראַכט וואָס זאָל ער טאָן מיט דעם זייגער מיט דער קייט צי זאָל ער זיי פאַרקויפן צי זאָל ער נע־מען זיך דעם זייגער און דאָס קייטל אַוועקשענקען בלומקען צי אפשר זאָל ער נאָר איבערמאַכן דאָס קייטל אויף אויירינגעלעך מיט אַ בראָש פון בלומקעס וועגן. — אַז מען האָט נעכטן געגעסן איז מען היינט ניט זאַט. — אין שיינעם העלן מאָרגן איז דאָס געסל ליידיק געוואָרן. — ער וועט האָלץ האַקן קאָכן באַקן נרעט וואַשן. — אַ גוטער מאָרגן זאָל קומען אויף דעם מחותן מיט דער מחותּנתטע אויפן חתן מיט דער כּלה אויף אַלע מחותּנים און אויף אַלע ליבע פריינד. — פאַר אַ שטיל וואַסער פאַר אַ שטילן הונט און פאַר אַ שטילן שונא זאָל מען זיך היטן.

208. אָ אָ שלום עליכם זאָגט ער מיט אַ שמייכל איך ענט־פער אונטער דער נאָז עליכם שלום. — צו צוויי יאָר האָט יאָסל שוין געקענט מודה אני. — גוט וואָך ניט מיטאַמאָל אַ קלונג אין שטוב און דער גוט־וואָך איז עפּעס געווען גאָר אַ באַזונדערער. — איך גיי מיט דיר צו מאָטלען אָבער אָן חשק — איך וועל נאָך דיר שיקן ווען איך וועל דיך דאַרפן האָבן. — אליה האָט דער־

לאַנגט מאָטלען אַ פּאַטש דערפאַר וואָס דער יונג האָט אָפּגעמאָלט בּרכהן ווי זי שטייט און נייט. אפשר וועל איך היינט בּלייבּן אינדערהיים און אפשר וועל איך צו דיר קומען אינאָוונט ווייל איך וויל זען דיין נייע שאָך־שפּיל.

209. שטעל אוים די אָפּשטעלצייכנס, ווו זיי זיינען דורכ־געלאָזן:

אַרום און אַרום טיש פון בּיידע זייטן זיצן די פעטער מיט מיט די מומעס פריער דער פעטער צָדוק און די מומע צִבְיָה מיט דריי יינגלעך משהל הערשעלע וועלוועלע נאָטעלע און צוויי מיידלעך שָׂרהלע פייגעלע. נאָכדעם דער פעטער נפתָּלי און די מומע דבורה מיט פיר יינגלעך משהלע הערשעלע וועלוועלע נאָטעלע און דריי מיידלעך שָׂרהלע פייגעלע רָחלע. נאָכדעם דער פעטער אבּרָהם און די מומע סאָבּע מיט פיר יינגלעך משהלע וועלוועלע נאָטעלע יענקעלע און פיר מיידלעך שָׂרהלע פייגעלע רָחלע טייבּעלע. נאָכדעם דער פעטער בּעריש און די מומע אֶסתּרל מיט זעקס יינגלעך משהלע הערשעלע וועלוועלע נאָטעלע יענקעלע פישעלע און פינף מיידלעך שָׂרהלע פייגעלע רָחלע טייבּעלע און כאַנצע. נאָכדעם דער פעטער בּנימין און די מומע לֵאה מיט זיבּן יינגלעך משהלע הערשעלע וועלוועלע נאָטעלע יענקעלע פישעלע שמוליקל און זעקס מיידלעך שָׂרהלע פייגעלע רָחלע טייבּעלע כאַנצע און גנענדל...

אינהאַלט:

		זײַט
I.	**צייטוואָרט**	3 — 59
1 — 3.	די דרײַ צײַטן	3
4.	צײַטווערטער	6
5 — 9.	פּערזאָן	7
10.	דס	11
11.	טס	12
12.	שסט	12
13 — 14.	סט, זט, צט	13
15.	„דו“ נאָכן צײַטוואָרט	14
16 — 17.	דריטע פּערזאָן	15
18.	דריטע פּערזאָן אָן ט	18
19 — 22.	צאָל	19
● 23.	ערשטע פּערזאָן מערצאָל	23
● 24.	צווייטע פּערזאָן מערצאָל	24
25.	מערצאָל	24
26.	איינצאָל און מערצאָל	25
27 — 32.	ען אין מערצאָל	26
33 — 34.	ע אין אלע פאָרמען	30
35.	דאָס צײַטוואָרט „איך בין“	31
36.	דאָס צײַטוואָרט „איך האָב“	32
37.	דאָס צײַטוואָרט „איך וועל“	33
38 — 39.	פאַרגאַנגענהײַט אויף ט	33
40 — 42.	פּאַרטיציפּ אויף -ן	36
43.	פּאַרטיציפּ אויף ען	38
● 44.	י—ו	9

זײַט

* 45. ײ—ױ ... 40
46. פֿאַרגאַנגענהײַט מיט „איך בין״ ... 41
47. ענדערונג פֿונעם מיטהילכער אין פּאַרטיציפּ ... 43
48. פּאָדערטײלן ... 45
49 — 50. פּאַרטיציפּ אָן „גע״ ... 46
51. קומעדיקײט ... 49
52 — 53. אינפֿיניטיװ ... 50
54 — 56. באַפֿעלפֿאָרם ... 52
57 — 58. איבערחזרונג פֿון צײַטװאָרט ... 56

II. זאַכװאָרט ... 60 —105

59 — 61. זאַכװאָרט ... 60
62 — 65. צאָל ... 63
66 — 68. מין ... 69
69 — 70. פֿאַרקלענער־װערטער ... 72
71. אַרטיקל דער, די, דאָס ... 76
72. אַרטיקל אַ ... 76
73 — 74. אַרטיקל אַן ... 78
75 — 77. בײגפֿאַלן ... 79
78. בײגונג פֿון מערצאָל ... 83
79 — 80. פּרט־נעמען ... 84
* 81. בײגונג פֿון : טאַטע, ייִד, מענטש, זײדע, רבי
און מאַמע, באָבע, מומע ... 88
82. פֿאָרװערטער ... 89
83. פֿאַרקירצטער אַרטיקל ... 90
* 84. פֿאַרקירצטער אַרטיקל ... 92
85. פֿאָרװערטער אָן אַרטיקל ... 93
● 86 אונטער, הינטער ... 94
87. צװײטער בײגפֿאַל ... 95
88. בײגונג אין אײנצאָל און מערצאָל ... 97
89 — 90. פֿאַרבײַטנעמען ... 99
91 — 92. בײגפֿאַל און צאָל בײַ פֿאָרװערטער ... 103

זײַט

III. זאַץ . . . . 106—129
93. זאַץ 106
94. מיטשטימונג 107
95. טײלן פון זאַץ 108
96 — 98. סוביעקט, פרעדיקאַט 108
98. פראַגעס 111
99. פאַרנײנונג 113
100. פאַרברײטערטער זאַץ 114
101—102. צוזאַמענגעגאָסענער זאַץ 118
103. בינדווערטער 120
104—105. קאָמע 121
106. צװײפּונקט 124
107—108. דירעקטע רייד 125
109. לאַפּקעס 126
110. שטריך 127
אינהאַלט 130

הויפט־פארקויף:

„קולט־בוך“ ווארשע, נאלעווקי 2a

„Kult-Buch“ Warszawa, Nalewki 2-a